STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01393

YUDISHE GRAMATIK

Zalman Rejzen

*Permanent preservation of this book was made possible
by Edith & Charles Pascal
in memory of
Mindel, Chidakel & Shinas Families*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ז. רייזען.

יודישע גראַמאַטיק.

פערלאג „פּראָגרעס".

ווארשא—תרס״ח.

Еврейская Грамматика

Составилъ

З. РЕЙЗИНЪ.

ВАРШАВА. 1908.

въ Тип. Б. Туршъ, Варшава Налевки 7.

פארווארט.

פון מענדעלי מוכר-ספרים'ס ערשטען ווערק, וואס דארף גע-דעכענט ווערען פאר דעם ערשטען ערנסטען ליטעראַרישען שריט אין דער יודישער שפראך, זענען אריבער שענע עטליכע צעהנדליג יאהר. פאר דער צייט זענען ארויסגעטראטען נייע טאלאנטען, עס האט זיך בעקומען א געוויסע פיזיאָנאמיע פון א ליטעראטור, עס זענען ערשינען צייטשריפטען און בלעטער, און דאך — ווי ס'איז ניט מאדנע און אונגלויבליך — איז ביי יודען ניטא חאטש א פראבע פון א גראמאטיק.

אפטמאל איז אפילו גערעדט געווארען מכח דער מעגליכקייט פון איהר, נאר איך בין נוטה צו מיינען, אז די רייד האבען ניט נאר ניט דערנעהנטערט וועמען עס איז צו דער ארבייט, נאר, פערקעהרט, זיי האבען ארויפגעלעגט א מין שלייער פון שרעק אויף דעם וואס עס הייסט „יודישע גראמאטיק".

מיין גראמאטיק, וועלכע איך האלט, פערשטעהט זיך, בלויז פאר א פראבע, וועט דאכט מיר, בעווייזען, אז דער שרעק איז געווען אנ'אומזיסטער; אז א יודישע גראמאטיק איז דורכאויס מעגליך, און אפילו טיילוויז לייכט צו פערפאסען. אויף וויפיעל דאס איז מיר געלונגען — וועגען דעם זאלען זיך ארויסזאגען די מבינים דערצו. די אנווייזונגען אויף די פעהלערן, אויב זיי וועלען ארויסגעפונען ווערען, וועלען פיהרען צו פערפאלקאמען די יודישע גראמאטיק. פון דאנען איז א וועג צו דער וויסענשאפטליכער בעגרינדונג פון דער יודישער שפראך. און דערין ליעגט דאס בעצאהלט פאר מיין מיה.

לסוף געפין איך פאר נויטיג ארויסצוזאגען, אז די צייטונג „דער פריינד" מיט איהר אמת יודישער שפראך, מיט איהר ריינ-אויסגעהאלטענער ארטאגראפיע, האט מיר אין פיעלע פרטים מיט-געהאלפען.

דער פערפאסער.

אינהאַלטספערצייכניס.

זייט

פאָרוואָרט I

I. די קלאַנגען און די בוכשטאַבען.

1. ווערטער, זילבען, קלאַנגען און בוכשטאַבען 3
2. די איינטיילונג פון די קלאַנגען 4
3. די וואָקאַלען 5
4. די קאָנסאָנאַנטען 7
5. די נקודות 11

II. וואָרטלעהרע.

6. די רעדעטיילען 13
7. די איינטיילונג פון די הויפטווערטער 14
8. דאָס געשלעכט פון די הויפטווערטער 15
9. דער אַרטיקעל 18
10. די בילדונג פון דער מעהרצאָהל אין די הויפטווערטער 19
11. די בויגונג פון די הויפטווערטער 30
12. די בויגונג פון די אייגעננעמען 34
13. אַנמערקונגען צו דער בויגונג פון די הויפטווערטער 35
14. די בילדונג פון די הויפטווערטער 37
15. דאָס אייגענשאַפטסוואָרט 41
16. די בויגונג פון די אייגענשאַפטסווערטער 42
17. די פערגלייכונגסשטופען פון אייגענשאַפטסווערטער 48
18. די בילדונג פון די אייגענשאַפטסווערטער 51
19. דאָס צאָהלוואָרט 52
    א) די גרונדצאָהלען 53
    ב) די אָרדנונגסצאָהלען 54
    ג) די ברוכצאָהלען 55
20. דאָס פירוואָרט 56
21. די בויגונג פון די פירווערטער 59
22. דאָס צייטוואָרט 64

23. די צייטפאָרמען, צאָהלציַרמען, פּערזאָנען און פאָרמען . . . 66
24. דאָס מיטעלוואָרט 68
25. די בויגונג פון די צייטווערטער 69
26. די בילדונג פון דער געגענוואַרט 70
27. אָנמערקונגען צו דער בילדונג פון דער געגענוואַרט 72
28. די בעפעהלענדע פאָרם 74
29. די בויגונג פון דעם הילפסצייטוואָרט זיין 75
30. די בויגונג פון דעם הילפסצייטוואָרט האָבען 76
31. די בילדונג פון די מיטעלווערטער 77
32. די בילדונג פון די צוזאמענגעזעצטע צייטווערטליכע פאָרמען . . 80
א) די פערגאַנגענהייט 80
ב) די צוקונפט 81
ג) די לאַנגפערגאַנגענהייט און די צווייטע צוקונפט 82
ד) די בעדינגונגספאָרם 83
33. די פאַסיווע פאָרמען 84
34. די בויגונג פון די צייטווערטער מיט'ן פירוואָרט זיך . . . 87
35. די צייטווערטער, וואָס זענען געבילדעט מיט דער הילף פונ'ם צייטוואָרט טהאָן 89
36. די בויגונג פון די צוזאמענגעזעצטע העברעאישע צייטווערטער . . 91
37. די בויגונג פון די צוזאמענגעזעצטע צייטווערטער 92
38. דאָס אומשטאַנדסוואָרט 94
39. דאָס פאָרוואָרט 96
40. דאָס בינדוואָרט 98
41. דאָס אויסרופונגסוואָרט 99

I.

די קלאַנגען און די בוכשטאַבען.

1. ווערטער, זילבען, קלאַנגען און בוכשטאַבען.

דער מענש דריקט אויס די געדאַנקען זיינע דורך ו ו ע ר ט ע ר.

איטליכס וואָרט בעשטעהט פון איינער אָדער פון מעהר ז י ל ב ע ן (הַבָרוֹת — слоги): אַ זילבע הייסט אַ טייל וואָרט, וואָס קען אויסגעזאָגט ווערען אין איין מאָל, צ. ב. דאָס וואָרט ר ע כ ע נ ע ן קען אויסגעזאָגט ווערען אין דריי מאָל, דערום בעשטעהט עס פון דריי זילבען: ר ע, כ ע און נ ע ן. דאָס וואָרט ב ר ע־נ ע ן בעשטעהט פון צוויי זילבען; ס'זענען אויך פאַרהאַן ווערטער, וואָס בעשטעהען פון איין זילבע, צ. ב., טיש, באַרג.

נאָך דער צאָהל זילבען נאָך ווערען די ווערטער אַיינגעטיילט אין א י נ ז י ל ב י ג ע (בּוּךְ, רָב), צ ו ו י י ז י ל ב י ג ע (זינ־גען, בַ־עַש) און מ ע ה ר ז י ל ב י ג ע (פער־בריינ־גען, רַחְ־מָ־נוּת).

די זילבען ווערען אַיינגעטיילט אין ש ט אַ מ ז י ל ב ע ן, פ אָ ר ז י ל ב ע ן און נ אָ כ ז י ל ב ע ן אָדער ע נ ד ו נ ג ע ן.

די־יעניגע זילבע פון וואָרט, וועלכע האָט די ה ו י פ ט ב ע ד י י ט ו נ ג, הייסט שטאַמזילבע; די זילבע, וואָס שטעהט פאַר דער שטאַמזילבע הייסט פאָרזילבע; וואָס שטעהט נאָך דער שטאַמזילבע, הייסט נאָכזילבע אָדער ענדונג. אַזוי, צ. ב., האָט די הויפטבעדייטונג אין דעם וואָרט פ ע ר ש ר י י ב ע ן די זילבע ש ר י י ב, וועלכע איז דעריבער די שטאַמזילבע פון דעם דאָזיגען וואָרט; פ ע ר איז די פאָרזילבע און ע ן — די נאָכזילבע אָדער די ענדונג.

יעדע זילבע בעשטעהט פון קלאַנגען (Laute, звуки). אַזוי צ. ב., בעשטעהט די זילבע זינג פון דעם וואָרט זינגען — פון די קלאַנגען ז, י און נ.

די קלאַנגען ווערען ביים שרייבען בעצייכענט דורך בוכשטאַבען (אותיות, буквы).

די יודישע שפּראַך האָט פאָלגענדע 22 בוכשטאַבען: א (אָ), ב (בֿ), ג, ד, ה, ו (וו), ז, ח, ט, י, כ (כּ), ל, מ, נ, ס, ע, פ (פֿ), צ, ק, ר, ש (שׂ), ת (תּ).

די בוכשטאַבען כ, מ, נ, פ און צ פערענדערן אין סוף וואָרט זייער געשטאַלט: כּ־ך, מ־ם, נ־ן, פ־ף, צ־ץ, צ. ב. רייך, שלום, ויצען, אויף, נעץ.

אַנמערקונג. פאַר אַן אַפּאָסטראָף*) בלייבען די דאָזיגע בוכשטאַבען אונפערענדערט. צ. ב. כ'ווייס (ניט ך'ווייס), חָלוֹמ'ען (ניט חָלוֹם'ען), דעם חָתָנ'ס (ניט דעם חָתָן'ס), יוֹסֵפ'ן (ניט יוֹסֵף'ן), דעם פּריצ'ס (ניט דעם פּריץ'ס). פאַר אַ פערבינדונגס־שטריך**) אָבער פערענדערן זיי זיך יאָ, צ. ב. דער שטורם־ווינד.

---

2. די איינטיילונג פון די קלאַנגען.

די קלאַנגען ווערען איינגעטיילט אין וואָקאַלען (Selbstlaute, гласные звуки) און קאָנסאָנאַנטען (Mitlaute, согласные звуки).

---

*) דער אַפּאָסטראָף (') איז אַ צייכען, וואָס טיילט אָב איין טייל וואָרט פון'ם אַנדערן. איבערהויפּט ווערט ער געברויכט אויף אָבצוטיילען די יודישע פאָרזילבען און ענדונגען פון די העברעאישע ווערטער, צ. ב. בע'גנב'ענען. אויך ווערט ער געברויכט אָנשטאָט אַן אַרויסגעלאָזטען בוכשטאַב, צ. ב. אַ שוועסטער'ל.

**) דער פערבינדונגס־שטריך (=) איז אַ צייכען, וואָס פערבינדט צוויי אָדער מעהר ווערטער אין איין וואָרט; מען קען איהם אויך אַרויסלאָזען, צ. ב. שטורם־ווינד און שטורמווינד.

וואָקאַלען הייסען די קלאַנגען, וואָס קענען לייבט אויסגעזאָגט ווערען אַליין. די וואָקאַלען ווערען בעצייכענט דורך די בוכשטאַבען א (אָ), ו, י, ע.

קאָנסאָנאַנטען הייסען די קלאַנגען, וואָס ווערען איבערהויפּט אויסגעזאָגט מיט דער הילף פון וואָקאַלען. די קאָנסאָנאַנטען ווערען בעצייכענט דורך די בוכשטאַבען ב (בֿ), ג, ד, ה, וו (ו), ז, ח, ט, כ (כּ), ל, מ, נ, ס, פ (פֿ), צ, ק, ר, ש (שׂ), ת (תּ).

3. די וואָקאַלען.

דער בוכשטאַב א דריקט אויס צוויי קלאַנגען: אַ (a) און אָ (o). בדי צו אונטערשיידען זיי איינעם פונ'ם אַנדערן, ווערט דער א אונטערשטריכט אָדער מיט אַ פּתח (ַ) אָדער מיט אַ קמץ (ָ), צ. ב. דער זאַק, די זאָק.

מען שרייבט קיינמאָל ניט אין סוף וואָרט קיין שטומען *) א, צ. ב. די (ניט דיא), זי (ניט זיא), פריי (ניט פרייא) א. אז. וו.

דער קלאַנג אִי ווערט בעצייכענט דורך וי. צ. ב. פויער, הויז, גרוי, לויפען א. אז. וו.

די קלאַנגען עי און אַי ווערען בעצייכענט דורך יי. צ. ב פרייד, פריינד, שניי, שניידען. צוליעב מעהר דייטליכקייט קענען זיי בעצייכענט ווערען דורך אַ צירה (ֵ) אָדער דורך אַ פּתח. צ. ב. בײַן, נײַן.

אָנמערקונג 1. אין איינִיגע פרעמדווערטער און פרעמדנעמען

*) שטומע הייסען די בוכשטאַבען דאַן, ווען זיי ווערען אָדער גאָר ניט אויסגעזאָגט, אָדער ווען זיי פערלענגערן נאָר עטוואָס דעם קלאַנג. אין יודיש זענען אַנ'אַנדערש מאָל שטום די בוכשטאַבען א, ה און ע, צ. ב., וואָ, פאָהרען, פיעל.

שרייבט מען אָי אַנשטאָט וי און אַי אָנשטאָט יי, צ.ב. באָיקאָט, טאָלסטאָי, מאַי, ניקאָלאַי.

אָנמערקונג 2. אין איניגע געגענדען (אין דער ליטא) ווערט דער קלאַנג וי אין אַ סך ווערטער אויסגעזאָגט ווי יי. צו דערגעהן, וואָס צו שרייבען, וי אָדער יי, דאַרף מען זיך רעכענען דערמיט, ווי מען שרייבט דאָס וואָרט אין דייטש, נעמליך: די דייטשע וואָקאַלען ei און eu געהען איבער אין יודיש אין יי אָדער יי, צ.ב. איין=ein, קיינער=keiner, מיין=mein, פריינד=Freund, ניי=neu א. אַז. וו. די דייטשע וואָקאַלען au אָדער o געהען איבער אין יודיש ניט אין יי, נאָר אין וי, צ.ב. פרוי=Frau, הויז=Haus, אויג=Aug; גרויס=gross, הויך=hoch, ברויט=Brot א. אַז. וו. דעריבער דאַרף מען, צ.ב., שרייבען: לויפען (ניט לייפען), רויך (ניט רייך), הויף (ניט הייף) א. אַז. וו.

פאַר די וואָקאַלען ו, וו, י, יי, ווען זיי שטעהען אין אָנהויב זילבע, שרייבט זיך אַן א, צ.ב. און, אויך, איך, אייך; פעראומערן, פעראינטערעסירען, דורכאויס, פעראייניגען א. אַז. וו.

אין איניגע ווערטער אָבער האָט זיך דער דאָזיגער א פערלאָרען, ווי, צ.ב., אין די ווערטער דעריבער, פאָריבער.

אין די פאָלגענדע ווערטער, ווי אויך אין די, וואָס שטאַמען אָב פון זיי, ווערט דער קלאַנג יי בעצייכענט דורך אַן ע אָדער דורך עה: בענקען, דענקען, הענגען, הענקער, ווענינ, לעגען, לענג, קרענקען, שענקען (אונטערשיידען פון שוין, ד. ה. באַלד), שענקען, (בעשענקען, געהן, דרעהען, וועה (וועהטאָג), וועהלען (ד. ה. קלייבען, אונטערשיידען פון וואויל=גוט), (גע)וועהנען (געוועהנליך) (אָבער וואוינען=жить און וויינען=плакать), וועהען, זעהר (אונטערשיידען פון זייער=ихъ), פעהיג, פרעהען (פרעהליך), צעהלען (ערצעהלונג), קרעהען, שטעהן, (פערשטעהן) (אונטערשיידען פון שטיין=камень).

אַ שטומער ע שרייבט זיך נאָך אַ י אין די פאָלגענדע ווערטער ווי אויך אין די, וואָס שטאַמען אָב פון זיי: גליעד (מיטגליעד), דיענען (אונטערשיידען פון דין=тонко), וויעג, זיעבען, זיעג, טיעף,

טיער (ד. ה. אַ חַיָה, אונטערשיידען פון טיר=дверь), ליעבע, ליער ליעגען (אונטערשיידען פון ליגען=ложь), פיעל (ד. ה. אַ סַך, אונטער=שיידען פון פיהלען=чувствовать און פון (אָנ)פּילען=наполнять), (וויפיעל), פיער (ד. ה. 4, אונטערשיידען פון פיהרען=везти), ציעל קריעגען (ד. ה. ссориться, אונטערשיידען פון קריגען=достать).

אין אַלע אַנדערע, ווערטער, ווי, צ. ב., ווידער, פער=שידען, רעגירען, געבליבען, נידעריג א. אַז. וו. שרייבט מען ניט נאָכ'ן י קיין שטומען ע.

כְּדֵי וויילע צו מאַכען די וואָקאַלען, ווערט פאַר זיי געשטעלט אַ י, צ. ב. יאָ, יאָהר, יאַדע, יונג, יויך; ליאַרימען א. אַז. וו. נאָר אין איינִיגע פרעמדווערטער ווערט נאָך אַ ל ניט געשריבען קיין י, ווען אַפילו דער קלאַנג איז ווייך. צ. ב. רעוואָלוציע (ניט רעוואָליוציע), עקזעמפּלאַר (ניט עקזעמפּליאַר) א. אַז. וו.

מען דאַרף בעמערקען, אַז יעדע זילבע ענטהאַלט איין וואָקאַל, און דערום איז אין וואָרט דאָ אַזוי פיעל זילבען, וויפיעל וואָקאַלען. אַ זילבע קען אַפּילו בעשטעהן נאָר פון איין וואַקאַל, צ. ב. אַ, אַ־רויס־געהן. די וואָקאַלען וי, יי, או, אוי, איי, יאַ, יאָ, יו רעכענען זיך אין דער זילבע פאַר איין וואָקאַל.

4. די קאָנסאָנאַנטען.

דער קאָנסאָנאַנט ב דריקט אויס צוויי קלאַנגען: דעם קלאַנג בּ (б) און דעם קלאַנג ב (в).

די קאָנסאַנאַנטען וו, ב און ו דריקען אויס איין און דעם=זעלבען קלאַנג און אונטערשיידען זיך נאָר אין דער אָרטאָגראַפיע: וו שרייבט זיך אין אַלע ניט=העברעאישע ווערטער, צ. ב. וויינען; ו — נאָר אין העבראישע, צ. ב. אַוַדַאי, וִדוּי, דַוְקָא. ב שרייבט זיך אין העברעאישע ווערטער, ווי, צ. ב. טוֹבָה, תְּבוּאָה, יום=טוֹב, און אין ניט=העברעאישע אָנשטאָט וו נאָך אַ ו, כְּדֵי אויסצומיידען

דריי ו נאָכאַנאַנד, צ. ב. פּרובֿען, יובֿעליר, לובֿר, סובֿאַלק. ווען וו קומט אויס צו שרייבען פאַר א ו, דאַן טיילען זיך די דאָזיגע בוכשטאַבען פונאַנדער דורך אַ שטומען א, צ. ב. וואו, געוואוסט, וואולקאַן א. אַז. וו. די פּאָרזילבע צו אָהן אַנ׳אַקצענט געהט איבער פאַר וו אין צע, צ. ב. צעוואַרפען. די פּאָרזילבע צו מיט אַנ׳אַקצענט טיילט זיך אָב פון וו מיט אַ שטריכעלע, צ. ב. צו־וואַרפען, צו־ווינקען.

די קאָנסאָנאַנטען ח און כ (ך) דריקען אויך אויס איין און דעמזעלבען קלאַנג און אונטערשיידען זיך נאָר אין דער אָרטאָגראַפיע: אַ ח שרייבט זיך שטענדיג אין אָנהויב וואָרט, ניט קוקענדיג אויף דעם, צי עס איז אַ העברעאישעס אָדער אַ ניט־העברעאישעס, צ. ב. חאַפּען (אונטערחאַפּען), חאָטש, חראָניק, חינא, חאַראַקטער, חֲבֵר, חֵלֶב, חֶשְׁבּוֹן א. אַז. וו. אין מיטען וואָרט שרייבט זיך אַ ח אין העברעאישע און אין איינינע פרעמדווערטער און פרעמדנעמען, צ. ב. יַחְסָן, בָּחוּר, פּסיחאָלאָגיע, מאַחמעד. אין סוף וואָרט שרייבט זיך אַ ח נאָר אין העברעאישע ווערטער, צ. ב. כּח, לוּחַ א. אַז. וו., אָבער קיינמאָל אין ניט־העברעאישע. אַ כ שרייבט זיך אין מיטען אָדער אין סוף (ך) וואָרט, אָבער קיינמאָל ניט אין אָנהויב.

אָנמערקונג. ווען דאָס פירוואָרט איך ווערט פערקירצט אין כ׳, שרייבט עס זיך דורך אַ כ אפילו אין אָנהויב וואָרט, צ. ב. כ׳לעבען, כ׳וויס, כ׳וויל א. אַז. וו.

די בוכשטאַבען כּ און ק דריקען אויך אויס איין און דעמזעלבען קלאַנג: אַ כּ שרייבט זיך נאָר אין העברעאישע ווערטער, אַ ק — אין אַלע ניט־העברעאישע און אין העברעאישע. צ. ב. כַּלָּה; כְּתָב, כַּעַס, וואַקסען (ניט וואַכסען), זעקס (ניט זעכס), שיקען; קְבוּצָה, קָהָל, קְנַס א. אַז. וו.

דאָסזעלבע איז אויך מיט די בוכשטאַבען ט און ת, ס, שׂ און ת; ט און ס שרייבען זיך אין אַלע ווערטער, סיי העברעאישע, סיי ניט־העברעאישע, צ. ב. טוֹבָה, טֶבַע, טיש, גוט א. אַז. וו.

סַךְ, סַם, פְּסַק; גיסען, רייסען א. אז. וו. די בוכשטאַבען תּ, ת און שׂ שרייבען זיך נאָר אין העברעאישע, צ. ב. תּוֹרָה, תֵּל, תַּכְלִית, פּוֹתֵר, שׂוֹנֵא א. אז. וו.

דער בוכשטאַב פּ דריקט אוים צוויי קלאַנגען פּ (п) און פֿ (ф), דער פּ בלייבט אין סוף וואָרט אונפערענדערט, צ. ב. דער קלאַפּ. מען דאַרף שטרענג אונטערשיידען אַ שׂ פון אַ ס, צ. ב. שיקען (ניט סיקען), קושען (ניט קוסען), שטרייק (ניט סטרייק) ערשטער (ניט ערסטער) א. אז. וו. דער רוסישעו קלאַנג ж ווערט בעצייכענט דורך זש, צ. ב. זשאַרגאָן, זשומען; דער קלאַנג ч — דורך טש, צ. ב. די בייטש, דער טשערקעס א. אז. וו. דער קלאַנג צ שרייבט זיך קיינמאָל ניט דורך טצ (ווי אין דייטש), צ. ב. זיצען (ניט זיטצען), פלאַץ (ניט פלאַטץ) א. אַז. וו.

אין איינינע ווערטער שטעלט מען נאָך די וואָקאַלען אַ שטומען ה, כְּדֵי צו בעצייכענען, אַז די דאָזיגע וואָקאַלען ווערען עטוואָס לענגער אויסגעזאָגט. איבערהויפט ווערט אַזאַ ה געשטעלט אין די שטאַמזילבען, וואָס ענדיגען זיך אויף ל, מ, נ, ר.

אַ שטומער ה פאַר אַ ל: געמאַהל, הייהל (пещера), וואַהל וועהלען, מאָהלען, מעהל, מיהל, מאָהלצייט, פיהלען, געפיהל. פעהלען, בעפעהלען, צאָהל, צעהלען, קויהל, קיהל, שוהל. שטאָהל, שטוהל, שטראַהל. —

אַ שטומער ה פאַר אַ מ: נאָכאַהמען (ד. ה. נאָכמאַכען), איהם, לאָהם (ווי, צ. ב., קרום און לאָהם), לייהם, מוהמע, נעהמען, אויסנאַהם, אַנגענעהם, פאָרנעהם (אָבער גענומען), ראַהם, ריהמען, בעריהמען. —

אַ שטומער ה פאַר אַ נ: אָהן (безъ), אַהנונג, עהנליך, באַהן, ביהן, ביהנע (ד. ה. סצענע), האָהן, הוהן, זוהן, טראָהן, אָנלעהנען (אָנשפאַרען זיך), מאָהן (макъ), מאָהנען, נאָה(ע)נט פאָהן, צאָהן, צעהן.

אַ שטומער ה פאַר אַ ר: איהר, אוהר, בעגעהרען, האָהר (אויפ'ן)וואָהר, געוואָהר(ווערען), וועהרען זיך, געוועהר, געוועהרען

(געדרויערן), אנוועהרען (ד. ה. פערלירען), זעהר, טרעהר, יאָהר, לעהרע, לעהרער (אָבער לערנען), מעהר (больше), מעהר (морковь), נעהרען זיך, נעהרונג, עהרע, עהרליך, פאָהרען, פוהר, פיהרען, געפאהר, געפעהרליך, אונגעפעהר, פריהרען, ציהרונג, קעהרען, ריהרען, שוועהר.

אין סוף שטאַמזילבע שרייבט זיך אַ שטומער ה אין די פאָלגענדע ווערטער: בליה־ען, בריה־ען, גליה־ען, זייה־ען, זייה־ען, זעה־(ע)ן, טליה־ען, לייה־ען, מיה־ען, נייה־ען, פיה, פליה־ען, פריה, פריה־ער, פריה־לינג, פריהשטיק, פערצייה־ען, ציה־ען, קוה, קניה־ען, רויה, רייה, און די ווערטער אויף עה.

אונטערשיידען: מאָהלען=молоть און מאָלען=красить; פעהלען=недоставать און געפעלען=нравиться, פעל=шкура; קויהל=уголь און קויל=пуля,шаръ, קוילען=рѣзать; שוהל=синагога און שול=школа; נעהמען=взять און נעמען=имена; אָהן=безъ און אָן=отъ, за; ווערען זיך=защищаться און ווערען=стать; שוועהר=тесть און שווער=трудно, שווערען=клясться.

די קלאַנגען ב־פּ, ג־ק, ד־ט, ו־פ, ז־ש, ווען נאָך זיי שטעהט ניט קיין וואָקאל, ווערען ניט גאָר דייטליך אויסגעזאָגט, צ. ב., דינגט ווערט אויסגעזאָגט ווי דינקט, וועבט—ווי וועפט, פאָלק—ווי פאָלג, פרובט—ווי פרופט, בלאָזט—ווי בלאָסט, האַנד—ווי האַנט א. אז. וו.

צו דערגעהן וואָס פאַר אַ בוכשטאַב צו שרייבען, דאַרף מען דאָס וואָרט אומענדערן אַזוי, אַז נאָך די ניט־דייטליכע קלאַנגען זאָל שטעהן אַ וואָקאל. צ. ב. דינגט־דינגען, וועבט־וועבער, פאָלק־פעלקער, פרובט־פרובען, בלאָזט־בלאָזען א. אז. וו.

זעהר אָפט ווערט דער ד אויסגעזאָגט אַזוי ווי אַ ט אַפילו דאַן, ווען נאָך איהם שטעהט אַ וואָקאל. צ. ב. געזונד (געזונט), געזונדע (געזונטע). אין איינגע אַזוינע ווערטער ווערט צוליעב מעהר דייטליכקייט געשריבען נאָכ'ן ד אַ ט, צ. ב. הינדטישע, אַ הינדטעלע, אַ הענדטיל א. אז. וו.

נאָך אַ ט שרייבט מען ניט קיין ה, צ. ב. טיי (ניט טהיי), טייער (ניט טהייער), טייל (ניט טהייל) טעאַטער (ניט טהעאַטער), א. אַז. וו.

צוויי פון־איינע קאָנסאָנאַנטען צוזאַמען שרייבט מען ניט, צ. ב. אַלע (ניט אַללע), קומען (ניט קוממען), וויסען (ניט וויססען), גרופּע (ניט גרופּפּע) א. אַז. וו.

5. די נְקוּדוֹת.

אִין די ווערטער, וואָס זענען גענומען פון העברעאיש, ווערען אַנשטאָט די וואָקאַלען געברויכט בעזונדערע צייכענס, וועלכע הייסען נקודות.

די נקודות זענען פאָלגענדע:

פַּתָּח (ַ)	ווערט געברויכט	אַנשטאָט	אַ, צ. ב. הַבְלַל (אָנשטאָט האַבלאַל), פַּחַד (אַנשטאָט פּאַחאַד), פְּסַק (אַנשטאָט פּסאַק) א.אז.וו.
קָמַץ (ָ)	״	״	אָ, צ. ב. מָשָׁל (אַנשטאָט מאָשאָל), קָהָל (אַנשטאָט קאָהאָל), בָּלָק (אַנשטאָט באָלאָק) א.אז.וו.
סֶגול (ֶ)	״	״	ע, צ. ב. חֶסֶד (אַנשטאָט העסעד), נֶפֶשׁ (אַנשטאָט נעפעש), מֶלֶךְ (אַנשטאָט מעלעך) א.אז.וו.
חִיריק (ִ אָדער ִי)	—	—	י, צ. ב. תְּפִלִּין (אַנשטאָט תפילין), מִדְבָּר (אַנשטאָט מידבאָר), פָּנִים, דִינִים א. אַז. וו.
שׁוּרֶק (וּ)	—	—	ו, צ. ב. שׁוּם, שׁוּרָה, מוּסָר, לוּלָב, חוּץ א. אַז. וו.
קֻבּוּץ (ֻ)	—	—	ו, צ. ב. מְשֻׁמָּד (אַנשטאָט משומאָד) א. אַז. וו.
צֵירֵה (ֵ)	—	—	יי, צ. ב. מֵבִין (אַנשטאָט מייבין), קֵבֶר (אַנשטאָט קייבער), חֵן (אַנשטאָט חיין) א. אַז. וו.
חוֹלָם (וֹ אָדער ֹ)	—	—	וי, צ. ב. כָּבוֹד (אַנשטאָט קָבויד), רוֹשֶׁם (אַנשטאָט רוישעם), קֹדֶשׁ (אַנשטאָט קוידעש) א. אַז. וו.

שְׁוָא (ְ) בעווייזט, אַז דער קאָנסאָנאַנט שטעהט אָהן אַ וואָקאַל, צ. ב.
אֶפְשַׁר, שַׁדְכָן, נִמְאַס א. אַז. וו.

חֲטַף פַּתַח (ֲ) שטעלט זיך אונטער די בוכשטאַבען א, ה, ח, ע און ווערט אויסגעזאָגט אַמאָל ווי אַ פַּתַח, אַמאָל ווי אַ שְׁוָא, צ. ב. גַּאֲוָה, חֲקִירָה א. אַז. וו.

אָנמערקונגען: 1. אין אייניגע ווערטער ווערט דער חוֹלָם (וֹ) אויסגעזאָגט אַזוי ווי אַ קָמַץ, צ. ב. סוֹף (=סָף), קוֹל=קָל, תְּהוֹם=תְּהָם א. אַז. וו.

2. אין אָנהויב וואָרט ווערט דער שְׁוָא אָפטמאָל אויסגעזאָגט ווי אַ צֵירֵה, צ. ב. מְלַמֵּד=מֵלַמֵּד, נְקוּדָה=נֵקוּדָה א. אַז. וו.

3. אין סוף וואָרט שטעלט זיך ניט קיין שְׁוָא, צ. ב. חָתָן, אֶמֶת א. אַז. וו.

4. ווען די לעצטע נְקוּדָה אין וואָרט איז אַ קָמַץ, זאָגט זי זיך זעהר אָפט אויס ווי אַ סֶגוֹל. צ. ב. תּוֹרָה=תּוֹרֶה, רָשָׁע=רָשֶׁע א. אַז. וו.

ווען עס קומט אויס צו שטעלען נְקוּדוֹת אין אָנהויב זילבע, שטעלען זיי זיך מיט די בוכשטאַבען א, ע, צ. ב. אַלְמָן (ניט לְמָן), אֶבְיוֹן (ניט בְיוֹן), עֶרֶב (ניט רֶב), רַעַשׁ (ניט רַשׁ), עוֹשֶׁר (ניט וֹשֶׁר), מְאוּם (ניט מוּם) א. אַז. וו.

נאָר וּ אין דער בעדייטונג „און" שטעהט אין אָנהויב וואָרט אָהן אַן א, צ. ב. מוּכָן וּמְזוּמָן, תֵּכֶף וּמִיָד, וּכְדוֹמֶה.

ווען דער לעצטער קלאַנג אין וואָרט איז מיט אַ נקודה, שטעלט זיך צום סוף וואָרט איינער פון די בוכשטאַבען ה, א, ע, י, צ. ב. סְחוֹרָה, שׂוֹנֵא, רָשָׁע, רַבִּי.

נאָר נאָך אַ ח, ווען ער שטעהט אין סוף וואָרט מיט אַ פַּתַח, שטעלט מען ניט די בוכשטאַבען ה, א, ע, אָדער י; דערביי ווערט דער פַּתַח, וואָס אונטער'ן ח אויסגעזאָגט פריהער פון דעם ח גופא, צ. ב. כֹּחַ (כֹּ_ח=כּאָח), מֹחַ א. אַז. וו.

די נְקוּדוֹת זענען אויך פערבליבען אין די יודישע ווערטער,

נאָר דאָ ווערען זיי געברויכט צוזאַמען מיט די וואָקאַלען, צ. ב. פונאַנדערגעוואָרפען. אַזאַ מין נְקודות־שטעלען, ווען די נְקודות שטעלען זיך אונטער די קאָנסאָנאַנטען, הייסט גאַנצע נקודות. אויסערדעם זענען נאָך דאָ האַלבע נְקודות, וואָס שטעלען זיך אונטער די וואָקאַלען, צ. ב. פונאַנדערוואַרפען א. אַז. וו.

אקצענט (удареніе) הייסט דער דריק, וואָס מען גיט אויף אַ וואָקאַל פון אַ געוויסער זילבע אין אַ מעהרזילביגען וואָרט, צ. ב. זינגען, צונויפלענען, צורייסען.

II.

וואָרטלעהרע.

6. די רעדעטיילען.

אַלע ווערטער פון דער יודישער שפּראַך ווערען נאָך זייער בעדייטונג נאָך איינגעטיילט אין צעהן פאָלגענדע **רעדעטיילען** (חֶלְקֵי הַדִבּור, части рѣчи).

1) דאָס הויפּטוואָרט, (שֵׁם עֶצֶם, Das Substantiv, имя существительное),
2) דער אַרטיקעל (Das Geschlechtswort, членъ)
3) דאָס אֵייגענשאַפטסוואָרט (תֹּאַר הַשֵׁם, Das Adjektiv, имя прилагательное),
4) דאָס צאָהלוואָרט (שֵׁם הַמִסְפָּר, Das Numerale, имя числительное),
5) דאָס פּירוואָרט (כִּנּוּי הַשֵׁם, Das Pronomen, мѣстоименіе),
6) דאָס צייטוואָרט (פֹּעַל, Das Werb, глаголъ),
7) דאָס אומשטאַנדסוואָרט (תֹּאַר הַפֹּעַל, Das Adwerb, нарѣчіе),
8) דאָס פאָרוואָרט (מִלַּת הַיַחַס, Die Präposition, предлогъ),
9) דאָס בינדוואָרט (מִלַּת הַחִבּוּר, Die Konjunktion, союзъ),
10) דאָס אויסרופונגסוואָרט (מִלַּת הַקְרִיאָה, Die Interjektion, междометіе)

דאָס הויפּטוואָרט.

7. די איינטיילונג פון די הויפּטווערטער.

הויפּטווערטער הייסען די-יעניגע ווערטער, וועלכע בעצייכענען נעמען פון פערשידענע זאַכען אָדער געגענשטאַנדען און בעגריפען, צ. ב. דער מענש, די זון, דאָס גליק.

די הויפּטווערטער ווערען איינגעטיילט אין קערפּערנעמען (קאָנקרעטע הויפּטווערטער) און בעגריפסנעמען (אַבסטראַקטע הויפּט-ווערטער).

קערפּערנעמען הייסען די נעמען פון אַזוינע געגענשטאַנדען, וועגען וועלכע מיר קענען בעקומען אַ פאָרשטעלונג מיט דער הילף פון אונזערע פינף חושים; זיי ווערען איינגעטיילט אין אייגענעמען, כלל-נעמען, זאַמעלנעמען און שטאָפנעמען.

אייגענעמען (שמות עצם פרטי, собственныя имена) הייסען די-יעניגע הויפּטווערטער, וואָס ווערען געגעבען מעהר ניט ווי איין געגענשטאַנד, כדי מען זאָל איהם אונטערשיידען פון אַנדערע זיין-גלייכען. צו די אייגענעמען געהערען נעמען און פאַמיליעס פון פערזאָנען, נעמען פון לענדער, שטעדט, ים'ען, טייכען א. ד. גל. צ. ב. דוד, רוסלאַנד, ירושלים, דער ירדן א. אַז. וו.

כלל-נעמען (שמות עצם כללי, Gattungsnamen, нарицательныя имена) הייסען די-יעניגע הויפּטווערטער, וואָס ווערען געגעבען אַ גאַנצען כלל איינע און דיזעלבע געגענשטאַנדען, צ. ב. דער מענש, דער טייך, דאָס לאַנד, דער טיש א. אַז. וו.

זאַמעלנעמען (שמות הקבוץ, собирательныя имена) הייסען די-יעניגע הויפּטווערטער, וואָס פעראייניגען אין איין וואָרט אַ סך אייגענאַרטיגע געגענשטאַנדען, צ. ב. דער המון, די טשערעדע, דאָס פאָלק, דאָס פיה.

שטאָפנעמען (שמות החומר, вещественныя имена) הייסען

די נעמען פון אזוינע געגענשטאנדען, וועלכע בעשטעהען פון עפּעס א שטאָף, א מאַטעריע, צ. ב. דאָס גאָלד, דאָס בלוט, דאָס ברויט, די מילך א. אז. וו.

בעגריפסנעמען (שמות מִשְׁפָּט או מִקְרֶה, (отвлеченныя имена, הייסען די נעמען פון אזוינע געגענשטאנדען, וועלכע מיר בעגרייפען נאָר מיט'ן שכל, אָבער ניט מיט די פינף חושים אונזערע, און וועגען וועלכע מיר האָבען א פאָרשטעלונג ווי וועגען עטוואס בעזונדערעס און גאנצעס. צ. ב. דער טויט, די פרייד, דאָס גליק, דאָס לעבען א. אז. וו.

8. דאָס געשלעכט פון די הויפּטווערטער.

אלע הויפּטווערטער ווערען איינגעטיילט אין דריי מינים, וועלכע הייסען געשלעכטער (מינים, (роды; זיי זענען פאָלגענדע: דאָס מענליכע געשלעכט, (לְשׁוֹן זָכָר, (мужескій родъ, דאָס ווייבליכע געשלעכט (לְשׁוֹן נְקֵבָה, (женскій родъ און דאָס זעכליכע געשלעכט (средній родъ).

צום מענליכען געשלעכט געהערען:

א) די הויפּטווערטער, וועלכע בעטייטען געגענשטאנדען, וואס זענען פון דער נאַטור אויס מענליך, צ. ב. דער פאָטער, דער לעהרער, דער זיידע, דער תּנא, דער אָקס, דער לייב, דער האָהן א. אז. וו.

ב) די איינזילביגע הויפּטווערטער, וועלכע זענען געבילדעט פון צייטווערטער, צ. ב. דער פאַל (פון פאַלען), דער שלאָף (פון שלאָפען), דער דאַנק (פון דאַנקען), דער בונד (פון בינדען), דער ברוך (פון ברעכען), דער גאַנג (פון געהן) א. אז. וו. (אָבער: דאָס שפּיעל).

אנמערקונג ווען די דאָזיגע הויפּטווערטער שטעהען אפילו

מיט אַ פּאָרזילבע, דורך וואָס זיי ווערען צווייִ־אָדער מעהרזילביג, בלייבען זיי דאָך מענליך, צ. ב. דער פערדרום, דער אויפרוף, דער אונטערגאַנג א. אַז. וו.

ג) די הויפּטווערטער אויף י נ ג און דער גרעסטער טייל הויפּטווערטער אויף על, ער, ען, ים, צ. ב. דער הערינג, דער צווילינג, דער ליעבלינג, דער פריהלינג; דער מאַנטעל, דער שפּיגעל, דער שליסעל; דער האַמער, דער רודער, דער זומער; דער קוימען, דער אויווען, דער רעגען; דער בעזים, דער בוידים.

צום ווייבליכען געשלעכט געהערען:

א) די הויפּטווערטער, וועלכע בעטייטען געגענשטאַנדען, וואָס זענען פון דער נאַטור אויס ווייבליך, צ. ב. די מוטער, די טאָכטער, די קריסטין, די דיענסט, די כלה, די קוה, די ציג, די שקאַפּע (אָבער: דאָס ווייב).

ב) די נעמען פון פרוכט'ען, צ. ב. די באַר, די קאַרש, די פלוים (אָבער: דער עפּעל).

ג) די הויפּטווערטער, וואָס בעטייטען אַ אייגענשאַפט און וואָס זענען ניט־אונטערגעשטראָכענעד געטען פון די אייגענשאַפטסווערטער, צ. ב. די גרוים, די הויך, די ברייט, די לענג, די טיעף.

ד) די אָבגעשטאַמטע הויפּטווערטער אויף ע, יע, יי, הייט קייט, שאַפט, ונג, יק, ור, און דער גרעסטער טייל הויפּטווערטער אויף ט, צ. ב. די ליעבע, די אויפנאַהמע, די פאַמיליע, די טעאָריע, די שיסעריי, די דרוקעריי; די קראַנקהייט, די פרייהייט; די ריינינקייט, די יודישקייט; די פריינדשאַפט, די וויסענשאַפט; די רעכענונג, די מיינונג; די קריטיק, די לאָגיק; די פיגור, די קולטור; די נאַכט, די לופט.

ה) אייניגע הויפּטווערטער אויף ניש, צ. ב. די ערלויבניש, די פינסטערניש, די קענטעניש.

אָנמערקונג. די הויפּטווערטער אויף ע בלייבען ווייבליך, ווען אַפילו דער ע ווערט אָבגעוואָרפען, צ. ב. די שטימע — די

שטים, די אורזאכע — די אורזאך, די אויפנאהמע — די אויפנאהם, די פאהנע — די פאהן.

צום זעכליכען געשלעכט געהערען:

א) דער גרעסטער טייל שטאָפנעמען, צ. ב. דאָס גאָלד, דאָס זילבער, דאָס אייזען, דאָס בליי (אָבער דער שטאָהל); דאָס וואסער, דאָס בלוט, דאָס ברויט, דאָס האָלץ.

ב) די נעמען פון לענדער און שטעדט, צ. ב. דאָס פרייע אמעריקא, דאָס שענע פראנקרייך, דאָס רייכע פעטערבורג (אָבער: די שווייץ, די טערקיי).

ג) אַלע צייטווערטער, וואָס ווערען געברויכט אַלס הויפט-ווערטער, צ. ב. דאָס לעבען, דאָס שרייבען, דאָס יאָגען זיך, דאָס זיין.

ד) בכלל די ווערטער, וואָס זענען אייגענטליך ניט קיין הויפט-ווערטער, נאָר יואָס ווערען אַלס אַזעלכע געברויכט, צ. ב. דאָס בייז, דאָס גוטס, דאָס שלעכטס.

ה) אַלע פערקלענערונגסווערט׳ער אויף על, עלע, צ. ב. דאָס מענשעל, דאָס מיידעל, דאָס בריוועלע, דאָס שטעדטעלע, דאָס ביכעלע.

ו) די ברוכצאָהלען אויף טעל, צ. ב. דאָס דריטעל, דאָס צעהנטעל.

ז) די הויפטווערטער אויף טום (אָבער דער רייכטום), ום, (יום, אום) און דער גרעסטער טייל אָבגעשטאַמטע הויפט-ווערטער אויף ניש און כטס, צ. ב. דאָס אייגענטום, דאָס יודענטום; דאָס מיניטום, דאָס גימנאזיום, דאָס מוזעאום; דאָס גערעכעניש, דאָס געפענגעניש, דאָס פערהעלטניש, דאָס בעדערפניש, דאָס בעשעפעניש; דאָס איינגעמאַכטס, דאָס שפייעכטס, דאָס שרייבעכטס.

ח) דער גרעסטער טייל הויפטווערטער מיט דער פאָרזילבע גע, צ. ב. דאָס געוויין, דאָס געפיהל, דאָס געביי, דאָס געשריי, דאָס געוויש (אָבער דיער געדאנק, דער געזאַנג, דער געברויך).

די צוזאמענגעזעצטע ווערטער נעהמען אן דאס געשלעכט פון דעם לעצטען ווארט, צ. ב. דאס פרויענצימער, די פעלדבלום, דער קארשענבוים.

בנוגע צום געשלעכט פון די הויפטווערטער, וואס זענען גענומען פון העברעאיש, דארף מען בעמערקען, אז די־יעניגע פון זיי, וואס ענדיגען זיך אויף א, ה, געהערען צום ווייבליכען געשלעכט, צ. ב. די גמרא, די סחורה, די חלה; וואס ענדיגען זיך אבער אויף א קאנסאנאנט, געהערען צום מענליכען געשלעכט, צ. ב. דער חלום, דער חשבון, דער כח, דער חדר, דער לשון, דער קול. די בעגריפסנעמען אויף ות קענען געהערען אזוי ווי צום מענליכען, אזוי אויך צום זעכליכען געשלעכט, צ. ב. דער רחמנות און דאס רחמנות, דער חיות און דאס חיות; דאסזעלבע איז אויך מיט איניגע הויפטווערטער, וואס ענדיגען זיך אויף א קאנסאנאנט, צ. ב. דער קול און דאס קול, דער פנים און דאס פנים, דער לשון און דאס לשון.

9. דער ארטיקעל.

דאס געשלעכט פון די הויפטווערטער ווערט אין דער יודישער שפראך בעצייכענט דורך דעם בעשטימטען ארטיקעל: דער — פאר דאס מענליכע געשלעכט, די — פאר דאס ווייבליכע און דאס פאר דאס זעכליכע, צ. ב. דער ברודער, די שוועסטער, דאס קינד.

די מעהרצאהל פון דעם בעשטימטען ארטיקעל איז פאר אלע געשלעכטער די, צ. ב. די ברידער, די שוועסטער, די קינדער.

אויסער דעם בעשטימטען ארטיקעל איז דא דער אונ-בעשטימטער ארטיקעל א (איין) פאר אלע געשלעכטער, צ. ב. א ברודער, א שוועסטער, א קינד.

דער אונבעשטימטער ארטיקעל ווערט געברויכט נאר אין דער איינצאהל, און די הויפטווערטער, וואס שטעהען אין דער איינצאהל מיט'ן אונבעשטימטען ארטיקעל, שטעהען אין דער מעהר-

צאָהל גאָר אָהן דעם אַרטיקעל, צ. ב. ברידער, שוועסטער קינדער.

אַנמערקונג. אין דער מעהרצאָהל ווערט דער אונבעשטימטער אַרטיקעל געברויכט נאָך די פירווערטער וואָס פאַר און ס'אַר, צ. ב. וואָס פאַר אַ ביכער? ס'אַר אַ ביכער! און ביי די צאָהלווערטער, צו בעווייזען, אַז די צאָהל איז אָנגעגעבען ניט אויף בעשטימט, נאָר אונגעפעהר, אַנ'ערך, צ. ב. אַ קאָפּיקעס דרייסיג, ביי אַ מאַן זעבציג א. אַז. וו.

אַנשטאָט דעם אונבעשטימטען אַרטיקעל ווערט געברויכט דאָס פירוואָרט קיין, ווען ביים צייטוואָרט איז דאָ דאָס וואָרט ניט, צ. ב. איז דאָס אַ בוך? דאָס איז ניט קיין בוך. קיין ווערט אויך געברויכט אין דער מעהרצאָהל, צ. ב. דאָס איז ניט קיין ביכער.

דער אונבעשטימטער אַרטיקעל שרייבט זיך בעזונדער, צ. ב. אַ טיש, אַ בוך, אַ ביסעל.

אַנמערקונג. פון דעם אונבעשטימטען אַרטיקעל דאַרף מען אונטערשיידען דעם בוכשטאַב אַ, מיט וועלכען עס הויבען זיך אָן פערשידענע ווערטער און וועלכער שרייבט זיך דעריבער צוזאַמען מיט זיי, צ. ב. אַזעלכער, אַזאַ, אַהין, אַהער, אַוועק, אַודאי א. אַז. וו.

דער אונבעשטימטער אַרטיקעל נעהמט זעהר אָפט אָן פאַר ווערטער, וואָס הויבען זיך אָן מיט אַ וואָקאַל, אַ נ צוליעב דעם וואוילקלאַנג, און דאַן טיילט ער זיך אָב פונ'ם וויטערדיגען וואָרט מיט אַנ'אַפּאָסטראָף, צ. ב. אַנ'עפּעל, אַנ'אויג, אַנ'אמת.

10. די בילדונג פון דער מעהרצאָהל אין די הויפּטווערטער.

די הויפּטווערטער ווערען געברויכט אין צוויי צאָהלפאָרמען: אין דער איינצאָהל (לשון יחיד, единственное число), ווען עס רעדט

זיך וועגען איין געגענשטאנד, און אין דער מעהרצאהל (לשון רבים, множественное число), ווען עס רעדט זיך וועגען צוויי אדער מעהר געגענשטאנדען.

די מעהרצאהל ווערט געבילדעט פון דער איינצאהל אויף פאלגענדע׳ אופנים:

א) דורך צוזעצען צו דער איינצאהל איינע פון די ענדונגען ען, ן, ער, ס, עס, יך, ים, ות*).

ב) דורך אומענדערן די וואקאלען אַ, אָ אין ע (יִי), ו אין י, און וי אין יי.

ג) דורך דעם ארטיקעל, אהן דער פערענדערונג פון דעם הויפטווארט גופא.

די ענדונג ען נעהמען אן:

1) די צוויי-אדער מעהרזילביגע הויפטווערטער, אהן אונטערשיד פון געשלעכט, צ. ב. דער פאלאץ — די פאלאצען, דער ראמאן — די ראמאנען, דער אוונד — די אווענדען, דער מאנאט — די מאנאטען, די מינוט — די מינוטען, די פיגור — די פיגורען, דאס פראגראם — די פראגראמען, דאס סיסטעם — די סיסטעמען, דאס מאטעריאל — די מאטעריאלען, א. אז. וו.

2) די מענליכע הויפטווערטער, וואס זענען אבגעשטאמט פון צייטווערטער, צ. ב. דער קלאנג — די קלאנגען, דער שאם — די שאסען, דער קוש — די קושען, דער שטויס — די שטויסען, דער אויפרוף — די אויפרופען, דער אויסוואורף — די אויסווארפען, דער צוג — די צוגען, דער פארשלאג — די פארשלאגען א. אז. וו.

אויסנאהמען: דער קלאפ — די קלעפ, דער פאטש — די פעטש, דער שטאך — די שטעך, דער גאנג — די גיינג (אויך גאנגען), דער טאנץ — די טענץ.

3) די הויפטווערטער אויף על (אויסער די פערקלענערונגס-

---

*) די יודישע שפראך לײדט ניט די ענדונג ע אין דער מעהרצאהל, צ. ב. ניט ציגע — נאר ציגען, ניט איינדריקע — נאר איינדריקען א. אז. וו.

ווערטער) ; דערביי ווערט פאַר'ן ל אַרויסגעלאָזען דער ע, וועלבער זאָגט זיך אין דער איינצאָהל אויך ניט דייטליך אויס, צ. ב. דער מאַנטעל — די מאַנטלען, דער שליסעל — די שליסלען, דער שפּיגעל — די שפּיגלען, דער ווינקעל — די ווינקלען, די נאָדעל — די נאָדלען, דאָס מיטעל — די מיטלען א. אַז. וו.

4) מענליכע הויפּטווערטער, וואָס בעטייטען נעמען פון פּערזאָנען און פעלקער, צ. ב. דער גראַף — די גראַפען, דער פּראַנט — די פּראַנטען, דער קעניג — די קעניגען, דער קאָזאַק — די קאָזאַקען, דער יוד — די יודען א. אַז. וו.

5) די מעהרזילביגע מענליכע הויפּטווערטער אויף ער, מיט דעם אַקצענט אויף דער דאָזיגער ענדונג, און די הויפּטווערטער אויף אָר, צ. ב. דער רעוואָלוציאָנער — די רעוואָלוציאָנערען, דער אינזשעניער — די אינזשעניערען, דער רעוואָלווער — די רעוואָלווערען ; דער פּראָפעסאָר — די פּראָפעסאָרען, דער רעדאַקטאָר — די רעדאַקטאָרען, דער גובערנאַטאָר — די גובערנאַטאָרען א. אַז וו.

אָנמערקונג. אין אַ סך הויפּטווערטער אויף אָר געהט איבער דער אַקצענט אין דער מעהרצאָהל אויף די דאָזיגע ענדונג, צ. ב. דער פּראָפעסאָר — די פּראָפעסאָרען, דער קאָנדוקטאָר — די קאָנדוקטאָרען ; אַהערצו געהערען אויך די הויפּטווערטער דער מיניסטער — די מיניסטאָרען, דער חאַראַקטער — די חאַראַקטאָרען.

6) די איינזילביגע מענליכע הויפּטווערטער, וואָס האָבען שוין אין דער איינצאָהל די וואָקאַלען י, יי אָדער ע און וואָס קענען צוליעב דעם ניט בילדען די מעהרצאָהל דורכ'ן צווייטען אופן, ד. ה. דורך דער אומענדערונג פון די וואָקאַלען, צ. ב. דער טיש — די טישען, דער צווייג — די צווייגען, דער שניי — די שנייען, דער טייך — די טייכען, דער וועג — די וועגען, דער פעלץ — די פעלצען א. אַז. וו.

7) אַ סך איינזילביגע מענליכע הויפּטווערטער — איבערהויפּט פרעמדווערטער — מיט צוויי אָדער מעהר קאָנסאָנאַנטען פאַר אָדער נאָך דעם וואָקאַל, צ. ב. דער שטוהל — די שטוהלען, דער

שטראַהל — די שטראַהלען, דער שטאַנג — די שטאַנגען, דער בלאָק — די בלאָקען, דער בלאַנק — די בלאַנקען א. אַז. וו.

8) אײניגע אײנזילביגע מענליכע הויפּטווערטער, וואָס בע־טייטען נעמען פון חיות און פויגליך, צ. ב. דער אָקס — די אָקסען, דער האָז — די האָזען, דער פוקס — די פוקסען, דער ראָב — די ראָבען.

9) דער גרעסטער טייל אײנזילביגע ווייבליכע הויפּטווערטער, צ. ב. די גאַס — די גאַסען, די באַהן — די באַהנען, די באַר — די באַרען, די באַק — די באַקען, די וואָך — די וואָכען, די שול — די שולען, די בלום — די בלומען, די פלוים — די פלוימען א. אַז. וו.

10) אַלע ווייבליכע הויפּטווערטער אויף יי, הייט, קייט, שאַפט, ונג, צ. ב. די דרוקעריי — די דרוקערייען, די קראַנק־הייט — די קראַנקהייטען, די קלײניגקייט — די קלײניגקייטען, די ווּיסענשאַפט — די וויסענשאַפטען, די צייטונג — די צייטונגען א. אַז. וו.

11) דער גרעסטער טייל ווייבליכע הויפּטווערטער אויף ע (זעה ווייטער), איבערהויפּט די, וואָס זענען אָבגעשטאַמט פון צייט־ווערטער און וואָס זענען מעהרער דייטש, אַלס יודיש, צ. ב. די פראַגע — די פראַגען, די אויפגאַבע — די אויפגאַבען, די מאַסע — די מאַסען, די שטונדע — די שטונדען א. אַז וו.

12) די זעכליכע און בכלל אַלע הויפּטווערטער מיט דער פאָר־זילבע גע, צ. ב. דער געדאַנק — די געדאַנקען, דער געזאַנג — די געזאַנגען, דאָס געפיהל — די געפיהלען, דאָס געשאַנק — די געשאַנקען, דאָס געביי — די געבייען א. אַז. וו.

13) בכלל אַלע זעכליכע אײנזילביגע הויפּטווערטער (וואָס נעהמען ניט אָן די ענדונג ער), צ. ב. דאָס יאָהר — די יאָהרען, דאָס טאָל — די טאָלען, דאָס גראָז — די גראָזען, דאָס העפט — די העפטען, דאָס נעסט — די נעסטען, דאָס גליק — די גליקען א. אַז. וו.

14) אײניגע העבּרעאישע אײנזילביגע הויפּטווערטער, ווי

צ. ב. דער ים — די ים'ען, דער גוף — די גופ'ען, דער גביר — די גביר'ען.

די ענדונג ן אַנשטאַט ען נעהמען אַן איינ'גע הויפּטווערטער אויף ער, אָהן דעם אַקצענט אויף דער דאָזיגער ענדונג, ווי צ. ב. דער טאַטער — די טאַטערן, די נומער — די נומערן, די פּעדער — די פּעדערן, דאָס אויער — די אויערן, דאָס מויער — די מויערן, דאָס טויער — די טויערן, דאָס צימער — די צימערן, און איינ'גע מעהרזילביגע העברעאישע ווערטער, ווי צ. ב. דער טעות — די טעות'ן, די התחיבות — די התחייבות'ן.

די הויפּטווערטער, וואָס נעהמען אַן אין דער מעהרצאָהל די ענדונג ען אָדער ן, פּערענדערן ניט די וואָקאַלען אַ, אָ, ו און ע, י, יי, צ. ב. די שפּראַך — די שפּראַכען, די זאַך — די זאַכען, דער שטוהל — די שטוהלען, דאָס יאָהר — די יאָהרען, די פלוים — די פלוימען א. אַז. וו.

אויסנאַהמען: דער פאַל — די פעלען (דער צופאַל — די צופעלען, אָבער דער אָנפאַל — די אָנפאַלען, דער איינפאַל — די איינפאַלען א. אַז. וו.), דער אומשטאַנד — די אומשטענדען, דער איינדרוק — די איינדריקען, די קראַפט — די קרעפטען.

די ענדונג ער נעהמען אָן פאָלגענדע הויפּטווערטער:

1) מענליכע: דער אָרט, דער בוידים (אויך בוידימס), דער בויך, דער בוים, דער בעזים (אויך בעזימס), דער גאָט, דער גאָרטען, דער גייסט, דער דאָרן, דער האָהן, דער האַלז, דער וואַלד, דער מאַן, דער לייב, דער סאָד, דער פאַס (ד. ה. דער פאַספּאָרט, אָבער דער פאַס — кушакъ, полоса — די פאַסען), דער פאַסטוך (די פאַסטיכער), דער פלאַן (אויך פלאַנען), דער פלאַץ, דער פלאָקען (די פלעקער), דער צאָהן (די צייהנער, אויך די צייהן), דער קלאָץ, דער רייכטום, דער רעטיך, דער שטיין, דער שפּאָן.

2) ווייבליכע: די גלאָק (אויך גלאָקען), די גרוב (אין דער בעדייטונג рудники — גרובען), די נאָז, די צונג (אויך צונגען), די רוט, די שטוב.

3) זעכליכע: דאָס איי, דאָס אייגענטום, דאָס באָד, דאָס באַנד (ד. ה. די שטיינגע, אָבער דער באַנד, ד. ה. томъ — די בענד), דאָס בוך, דאָס ביין, דאָס בילד, דאָס בלאַט, דאָס ברויז, דאָס ברעט, דאָס גוט, דאָס גלאָז, דאָס גליעד, דאָס געזיכט, דאָס געשלעכט, דאָס דאַך, דאָס דאָרף, דאָס האָרן, דאָס האַרץ, דאָס הודן, דאָס הויז, דאָס היילינגטום, דאָס וואָרט, דאָס ווייב, דאָס טוך, דאָס לאָך, דאָס לאַנד, דאָס ליילעך, דאָס ליעד, דאָס מויל, דאָס פאָלק, דאָס פאַס, דאָס פּנים (די פּנימ'ער), דאָס פעלד, דאָס קאַלב, דאָס קאָרן, דאָס קינד, דאָס קלייד, דאָס ראָד, דאָס רינד, דאָס שטיק, דאָס שלאָס.

אַלע הויפּטווערטער, וואָס נעהמען אָן אין דער מעהרצאָהל די ענדונג ער, פערענדערן די וואָקאַלען אַ, אָ אין ע, ו אין י און וי אין יי, צ. ב. דער פאַס — די פעסער, דאָס בלאַט — די בלעטער, דער דאָרן — די דערנער, די נאָז — די נעזער, דאָס וואָרט — די ווערטער, די צונג — די צינגער, דאָס בוך — די ביכער, דער בויך — די בייכער, דאָס הויז — די הייזער א. אַז. וו.

די ענדונג ס נעהמען אָן פאָלגענדע הויפּטווערטער:

1) כמעט אַלע הויפּטווערטער אויף יע, צ. ב. די פאַמיליע — די פאַמיליעס, די רעקאָמענדאַציע — די רעקאָמענדאַציעס א. אַז. וו.

2) דער גרעסטער טייל הויפּטווערטער אויף ע, אויב דער ע קען ניט אָבגעוואָרפען ווערען, צ. ב. די גרופּע — די גרופּעס, די סטרונע — די סטרונעס, די טורמע — די טורמעס א. אַז. וו. *)

*) מען דאַרף בעמערקען, אַז אַ סך הויפּטווערטער אויף ע קענען געברויכט ווערען אין דער מעהרצאָהל אַזוי ווי מיט דער ענדונג ס, אַזוי אויך מיט דער ענדונג ן; אין אַזעלכע פעלען איז גלייכער צו געברויכען די לעצטע ענדונג, צ. ב. די פאָהנע — די פאָהנען (אָבער מען קען אויך געברויכען די פאָהנעס); די ענדונג ן קענען ניט אָננעהמען די הויפּטווערטער, וואָס

אָבער ווען די ענדונג ע קען אָבגעוואָרפען ווערען, דא ענדיגען זיך די הויפטווערטער אויף ען, צ. ב. די שטימע-די שטים — די שטימען, די מאַשינע-די מאַשין — די מאַשינען.

3) די הויפטווערטער אויף ען, צ. ב. דער רעגען — די רעגענס, דער וואָלקען — די וואָלקענס, דער קאַסטען — די קאַסטענס, דאָס לעבען — די לעבענס דאָס פערמעגען — די פערמעגענס, דאָס פערברעכען — די פערברעכענס א. אַז. וו.

4) די ווייבליכע הויפטווערטער אויף ין, צ. ב. די שוועגערין — די שוועגערינס, די קריסטין — די קריסטינס, די ווירטין — די ווירטינס, די שניידערין — די שניידערינס, די לעהרערין — די לעהרערינס א. אַז. וו.

5) די ווייבליכע הויפטווערטער אויף טע, צ. ב. די חבר'טע — די חבר'טעס, די פויערטע — די פויערטעס א. אַז. וו.

6) די הויפטווערטער אויף ום (יום, אום), צ. ב. דאָס מיניסטעריום — די מיניסטעריומס, דאָס מוזעאום — די מוזעאומס, דאָס גימנאַזיום — די גימנאַזיומס א. וו. וו.

7) די הויפטווערטער אויף ים, צ. ב. דער איידים — די איידימס, דער טורים — די טורימס, דער אָרים — די אָרימס א. אַז. וו.

8) אַלע פון די צייטווערטער אָבגעשטאַמטע הויפטווערטער אויף ער, האָטש זיי ווערען זעהר אָפט געבּרויכט אין דער מעהר-צאָהל גאָר אָהן אַנ'ענדונג (זעה ווייטער), צ. ב. דער לעהרער — די לעהרערס, דער שניידער — די שניידערס, דער שטעפּער — די שטעפּערס א. אַז. וו.

9) בכלל כמעט אַלע הויפטווערטער אויף ער (אָהן דעם אַקצענט אויף דער דאָזיגער ענדונג), וואָס נעהמען ניט אָן די ענדונג ן, צ. ב. דער האַמער — די האַמערס, דער בעכער — די בעכערס, דאָס מעסער — די מעסערס א, אַז. וו.

האָבען אַ רוסישען כאַראַקטער אָדער אַ רוסישע ענדונג, צ. ב. די סטרונע — די סטרונעס, די לעהרערקע — די לעהרערקעס א. אַז. וו.

10) די־יעניגע הויפּטווערטער אויף אָר, אין וועלבע דער אַקצענט געהט ניט איבער אויף די דאָזיגע ענדונג, הגם זיי קענען אויך געבּרויכט ווערען מיט דער ענדונג ען און עס, צ. ב. דער פּראָוואָקאַטאָר — די פּראָוואָקאַטאָרס (אויך פּראָוואָקאַטאָרען און פּראָוואָקאַטאָרעס), דער אָראַטאָר — די אָראַטאָרס (אויך אָראַטאָרען און אָראַטאָרעס) א. אַז. וו.

11) נאָך איניגע הויפּטווערטער, איבערהויפּט פּרעמדווערטער און העברעאישע, וואָס צוליעב דעם וואוילקלאַנג איז זיי גלייבער אָנצונעהמען די ענדונג ס, צ. ב. דער צווילינג—די צווילינגס, דער בית־עלמין—די בית־עלמינ׳ס, דער בשר־ודם—די בשר־ודמ׳ס, דאָס בּוֹרא—די בּוֹראָס.

די ענדונג עס נעהמען אָן פאָלגענדע הויפּטווערטער:

1) די הויפּטווערטער מיט דער רוסישער ענדונג יק אָדער בּכלל ק, צ. ב. דער עזות׳ניק — די עזות׳ניקעס, דער פּריקאַזטשיק — די פּריקאַזטשיקעס, דער פּרומאַק — די פּרומאַקעס, דער צבועק — די צבועקעס א. אַז. וו.

2) איניגע הויפּטווערטער, וואָס ענדיגען זיך אין דער איינצאָהל אויף אַ ן, הגם זיי קענען אָפט אויך אָננעהמען די ענדונג ען, צ. ב. דער שאַרלאַטאַן — די שאַרלאַטאַנעס, דער פּוהרמאַן — די פּוהרמאַנעס, דער וואַגאָן — די וואַגאָנעס (אָבער אויך די וואַגאָנען), די פּען — די פּענעס א. אַז. וו.

3) די הויפּטווערטער מוליער, מאַליער, סטאָליער, טשעסליער, שלאָסער, פּעלדשער האָבען אין דער מעהרצאָהל: מוליארעס, טשעסליאַריעס, פּעלדשאַרעס א. אַז. וו.

די הויפּטווערטער, וואָס נעהמען אָן אין דער מעהרצאָהל די ענדונג ס אָדער עס, פּערענדערן ניט די וואָקאַלען אַ, אָ, ו און וי, צ. ב. דער האַמער — די האַמערס, דער טורים — די טורימס א. אַז. וו.

די ענדונג יך נעהמען אָן אַלע פּערקלענערונגסווערטער און איניגע געצעהלטע הויפּטווערטער אויף על; דערביי ווערט פאַר׳ן ל ארויסגעלאָזען דער ע, וואָס ווערט אין דער איינצאָהל אויך

ניט דייטליך אויסגעזאָגט, צ. ב. דאָס שטעדטעל — די שטעדטליך, דאָס טישעל — די טישליך, דאָס מיידעל — די מיידליך; דער פויגעל — די פויגליך (אויך פויגעל), דער צעטעל — די צעטליך (אויך צעטלען) א. אַז. וו.

די פערקלענערונגסווערטער אויף עלע לאָזען ניט אַרויס אין דער מעהרצאָהל דעם ע פאַר'ן ל און דערמיט אונטערשיידען זיי זיך פון די פערקלענערונגסווערטער אויף על, צ. ב. דאָס שטעדטעלע — די שטעדטעליך, דאָס טישעלע — די טישעליך, דאָס מיידעלע — די מיידעליך, דאָס פויגעלע — די פויגעליך א. אַז. וו.

די פערקלענערונגסווערטער, פון וועלבע די געוועהנליכע פאָרם האָט אין דער מעהרצאָהל די ענדונג ים, האַלטען אַיין פאַר דער ענדונג ליך אויך די ענדונג ים, צ, ב. בגד'ל-בגדים'ליך, דאָקטאָריל — דאָקטוירימליך.

די ענדונג ים נעהמען אָן העברעאישע ווערטער; דערביי זוערען די נקודות זעהר אָפט אינגאַנצען פערענדערט, צ. ב. דער חָתָן - די חֲתַנִים, דער קֶבֶר - די קְבָרִים, דער בַּעַל-הַבַּיִת - די בַּעֲלֵי-הַבַּתִּים, דער מְלַמֵּד - די מְלַמְּדִים א. אַז. וו.

פון די ניט-העברעאישע הויפטווערטער נעהמען די פאָלגענדע אָן אין דער מעהרצאָהל די ענדונג ים: דער דאָקטאָר — די דאָקטוירים, דער פויער — די פויערים, דער פאַקטאָר — די פאַקטוירים, דער נאַר — די נאַראָנים (אויך נאַרען), דער טייוועל — די טייוואָלים (אָדער טייוולאָנים).

די פעריודישטע העברעאישע ווערטער שייגעץ און קייזער (קיסר) האָבען אין דער מעהרצאָהל די העברעאישע פאָרם: שקצים, קיסרים.

די ענדונג ות נעהמען אָן נאָר העברעאישע ווערטער, צ.ב. די צרה — די צרות, די סחורה — די סחורות, די דאגה — די דאגות, דער חשבון — די חשבונות, דער קרבן — די קרבנות, דער

חלום — די חלומות, דער כח — די כחות, דער מח — די מוחות א. אז. וו.

פאָלגענדע הויפּטווערטער בילדען די מעהרצאָהל דורך אומענדערן די וואָקאַלען אַ, אָ, ו, וי אין ע, (יי), י, יַי:

1) דאָס רוב איינזילביגע מענליכע הויפּטווערטער, צ. ב. דער גאַסט — די געסט, דער מאַרק — די מערק, דער באַרג — די בערג, דער קאָפּ — די קעפּ, דער קנאָפּ — די קנעפּ, דער פּראָסט — די פּרעסט, דער טאָג — די טעג, דער קאָרב — די קערב, דער צאָהן — די צייהן, דער הונד — די הינד, דער זוהן — די זיהן, דער שוך — די שיך, דער קרוג — די קריג א. אז. וו.

2) געצעהלטע מענליכע הויפּטווערטער אויף ער, ען, ים, און על: דער ברודער — די ברידער, דער נאָמען — די נעמען, דער וואָגען — די וועגען, דער פאָדים — די פעדים *), דער וואָרים — די ווערים, דער נאָגעל — די נעגעל.

3) פאָלגענדע ווייבליכע הויפּטווערטער: די באַנק — די בייגק, די באָרד — די בערד, די ברוסט — די בריסט, די גאַנז — די גענז, די האַנד — די הענד, די האַק — די העק, די וואַנד — די וענד, די טויז — די טייז, די טאָכטער — די טעכטער, די לויז — די לייז, די מויז — די מייז, די נאַכט — די נעכט, די קאַץ — די קעץ, די קוה — די קיה, די שטאָדט — די שטעדט, די שנור — די שניר.

דורך דעם אַרטיקעל (אין מענליכען און זעכליכען געשלעכט, אָבער ניט אין ווייבליכען), אָהן דער פּערענדערונג פונ'ם הויפּטוואָרט גופא, בילדען די מעהרצאָהל פאָלגענדע הויפּטווערטער:

1) די פון צייטווערטער אָבגעשטאַמטע הויפּטווערטער אויף ער, הגם זיי קענען צוליעב מעהר דייטליכקייט אָנגעהמען די ענדונג ס, צ. ב. דער לעהרער — די לעהרער, דער שרייבער — די שרייבער, דער אָנפיהרער — די אָנפיהרער א. אַ. וו.

*) ווען עס רעדט זיך וועגען איינציגע פעדים; ווען עס רעדט זיך אָבער בכלל וועגען פאָדים, איז די מעהרצאָהל: די פאָדים.

2) אַלע נעמען פון פערזאָנען אויף ער מיט דער זילבע יכ פאַר דער דאָזיגער ענדונג, צ. ב. דער פּאָליטיקער — די פּאָליטיקער דער קריטיקער — די קריטיקער א. אַז. וו.

3) אַלע נעמען פון פערזאָנען אויף ער וואָס בעשטימען דעם אָרט, צ. ב. דער ענגלענדער — די ענגלענדער, דער אַמעריקאַנער — די אַמעריקאַנער, דער אינדיאַנער — די אינדיאַנער א. אַז. וו.

4) אייניגע הויפּטווערטער אויף על: דער עפּעל — די עפּעל, דער שטיוועל — די שטיוועל, דער אַרבעל — די אַרבעל, דער בייגעל — די בייגעל דער ציגעל — די ציגעל, דער לעפּעל—די לעפּעל.

5) אייניגע הויפּטווערטער אויף ער: דער פינגער — די פינגער, די שוועסטער — די שוועסטער. דאָס פענסטער — די פענסטער.

6) אייניגע הויפּטווערטער אויף ען, הגם זיי נעהמען אָן צוליעב מעהר ריטליכקייט די ענדונג ס, צ. ב. דער וואָלקען — די וואָלקען (אָבער אויך די וואָלקענס), דער שטערן (אין הימעל) — די שטערן (אָבער דער שטערן=лобъ — די שטערנס).

7) אייניגע מענליכע און זעבליכע אייגזילביגע הויפּטווערטער, וואָס האָבען אין דער גרונדפאָרם די וואָקאַלען י, יי אָדער ע און וואָס קענען דעריבער ניט בילדען די מעהרצאָהל דורכ'ן צווייטען אופן, צ. ב. דער בריף — די בריף, דער פריינד — די פריינד, דער פיינד — די פיינד, דער קנעכט — די קנעכט, דער העכט — די העכט; דאָס רעכט — די רעכט, דאָס ווערק — די ווערק, דאָס פערד — די פערד, דאָס ליכט — די ליכט.

8) דאָס העברעאישע הויפּטוואָרט דער עֵדות — די עֵדות.

אָנמערקונגען צו דער בילדונג פון דער מעהרצאָהל.

1) דאָס הויפּטוואָרט מאַן אין דער בעדייטונג „געמאַהל" (супругъ) האָט אין דער מעהרצאָהל די פאָרם מאַנען; אין דער בעדייטונג „מאַנסביל"—מענער; אין דער בעדייטונג „מענש"—לייט.

איינִיגע הויפּטווערטער ווערען נאָר אִין דער אֵיינצאָהל געבּרויכט, אַנדערע נאָר אִין דער מעהרצאָהל.

1) די אייגעננעמען,*) דאָס רוב שטאָפנעמען און א סך בּעגריפס־נעמען בּרויכט מען נאָר אִין דער אֵיינצאָהל, צ. בּ. דאָס גאָלד, דאָס לעדער, דער טיי, דער צוקער; דער שלאָף, די רוה, די יוגענד, די פּרייד א. אַז. וו.

אויך בּרויכט מען נאָר אִין דער אֵיינצאָהל די צייטווערטער, וואָס ווערען געבּרויכט אַלס הויפּטווערטער, צ. בּ. דאָס פּערקויפען, דאָס אומלויפען א. אַ. וו.

נאָר אִין דער מעהרצאָהל ווערען געבּרויכט די הויפּטווערטער: לייט, עלטערן, אָבות, קינדערליך, רייד, מאָזלען, פּאָקען, געדערים, יסורים, קאָסטען.

אויסערדעם ווערען אֵיינִיגע שטאָפנעמען (וועלכע זענען אִין דייטש פון ווייבּליכען געשלעכט) געבּרויכט אַזוי ווי אִין דער מעהרצאָהל, צ. בּ. די מילך, מיט די מילך (ניט מיט דער מילך), מיינע מילך (ניט מיין מילך).

11. די בּויגונג פון די הויפּטווערטער.

די הויפּטווערטער ווערען געבּרויכט אִין פיער בּויגפעלען (падежи), פון וועלכע יעדערער ענטפערט אויף אֵיינע פון די פאָלגענדע פראַגען: דער נאָמינאַטיוו (именительный) — אויף די פראַגען ווער? וואָס? צ. בּ. דער בּרודער שרייבּט (ווער שרייבּט?), די וועלט אִיז גרויס (וואָס אִיז גרויס?); דער געניטיוו (родительный) — אויף די פראַגע וועמעס? צ. בּ. ווי

*) ווען די אייגעננעמען ווערען יאָ געבּרויכט אִין דער מערצאָהל, ענדיגען זיי זיך שטענדיג אויף ס (עס), צ. בּ. די לוריעס, די גינצבּורגס, די ראָטשילדס.

לאַכט עס אַ ברודער ביים ברודערס געווין? (ביי וועמעס געווין?), איך פערהאַס דער וועלטס געטימעל (וועמעס געטימעל?); דער דאַטיוו (дательный) — אויף די פראַגע זועמען? צ. ב. דעם ברודער טוט וועה דער קאָפּ (וועמען טוט וועה דער קאָפּ?), דער גאַנצער וועלט איז ליעב און פרעהליך (וועמען איז ליעב און פרעהליך?); און דער אַקוזאַטיוו — אויף די פראַגען וועמען? וואָס? צ. ב. איך האָב בעגעגענט דעם ברודער (וועמען האָב איך בעגעגענט?), גאָט האָט בעשאַפען די וועלט אין זעקס טעג (וואָס האָט גאָט בעשאַפען?).

די פערענדערונג פון די הויפּטווערטער נאָך די צאָהלפאָרמען און נאָך די בויגפעלען נאָך הייסט בויגונג (נטיה, склоненіе, Deklination).

די הויפּטווערטער ווערען געבויגט מיט דעם בעשטימטען אָדער מיט דעם אונבעשטימטען אַרטיקעל.

די בויגונג פון די הויפּטווערטער בעשטעהט דערין, וואָס דער בעשטימטער אַרטיקעל ווערט אין דער איינצאָהל פערענדערט נאָך די בויגפעלען נאָך און וואָס דער געניטיוו פון די הויפּטווערטער, וועלכע בעטייטען איבערהויפּט לעבעדיגע געגענשטאַנדען, נעהמט אָן אין דער איינצאָהל און זעלטען אויך אין דער מעהרצאָהל די ענדונג ס. וואָס אָנבעלאַנגט דעם אונבעשטימטען אַרטיקעל, בלייבט ער אין אַלע בויגפעלען פון דער איינצאָהל אונפערענדערט און אין דער מעהרצאָהל ווערט ער גאָר אַרויסגעלאָזען. דער בעשטימטער אַרטיקעל בלייבט אין דער מעהרצאָהל אויך אונפערענדערט. פון דאַנען זעהט מען אַרויס, אַז די פערענדערונג פון די הויפּטווערטער נאָך די בויגפעלען נאָך איז זעהר ניט־בעדייטענד, אַזוי אַז די בויג־פעלען אונטערשיידען זיך וועניג איינער פון'ם אַנדערן און ווערען איבערהויפּט דערקענט ניט נאָך זייער פאָרם נאָך, אָבער נאָך זייער אָרט אין דעם זאַץ.

בייׁשפּיעלען מיט דעם בעשטימטען אַרטיקעל.

אֵ י י נ צ אָ ה ל.

נאָם.	דער ברודער,	די טאָכטער,	דאָס קינד,
גענ.	דעם ברודערס,	דער טאָכטערס,	דעם קינדס,
דאַט.	דעם ברודער,	דער טאָכטער.	דעם קינד,
אַקוז.	דעם ברודער,	די טאָכטער,	דאָס קינד.

מ ע ה ר צ אָ ה ל.

נאָם.	די ברידער,	די טעכטער,	די קינדער,
גענ.	די ברידערס,	די טעכטערס,	די קינדערס,
דאַט.	די ברידער,	די טעכטער.	די קינדער,
אַקוז.	די ברידער,	די טעכטער,	די קינדער.

בייׁשפּיעלען מיט דעם אונבעשטימטען אַרטיקעל.

אֵ י י נ צ אָ ה ל.

נאָם.	אַ פּריץ,	אַ פרוי,	אַ פּערד,
גענ.	אַ פּריצ'ס,	אַ פרויס,	אַ פּערדס,
דאַט.	אַ פּריץ,	אַ פרוי,	אַ פּערד,
אַקוז.	אַ פּריץ,	אַ פרוי,	אַ פּערד.

ט ע ה ר צ אָ ה ל.

נאָם.	פּריצים,	פרויען,	פּערד,
גענ.	(פּריצים'ס),	(פרויענס),	(פּערדס)
דאַט.	פּריצים,	פרויען,	פּערד,
אַקוז.	פּריצים,	פרויען,	פּערד.

די הויפּטווערטער: דער מענש, דער יוד, דער טאַטע, דער זיידע, דער רבי, די מאַמע, די מוהמע, די באָבע נעהמען אָן בעזונדערע ענדונגען אין די בויגפעלען פון דער איינצאָהל און ווערען געבויגט אויף פאָלגענדען אופן:

איינצאָהל.			
נאָמ.	דער מענש,	דער טאַטע,	דער רבי,
גענ.	דעם מענשענס,	דעם טאַטענס,	דעם רבי'(נ)ס,
דאַט.	דעם מענשען,	דעם טאַטען,	דעם רבי'ן,
אַקוז.	דעם מענשען,	דעם טאַטען,	דעם רבי'ן.

מעהרצאָהל.			
נאָמ.	די מענשען,	די טאַטעס	די רביים
גענ.	די מענשענס,	(פון די טאַטעס),	די רביים'ס,
דאַט.	די מענשען,	די טאַטעס,	די רביים,
אַקוז.	די מענשען,	די טאַטעס,	די רביים.

איינצאָהל.			
נאָמ.	די מאַמע,	אַ זיידע,	אַ מוהמע,
גענ.	דער מאַמעס,	אַ זיידענס,	אַ מוהמעס,
דאַט.	דער מאַמען,	אַ זיידען,	אַ מוהמען,
אַקוז.	די מאַמען,	אַ זיידען,	אַ מוהמע.

מעהרצאָהל.			
נאָמ.	די מאַמעס,	זיידעס,	מוהמעס,
גענ.	(פון די מאַמעס),	(פון זיידעס),	(פון מוהמעס),
דאַט.	די מאַמעס,	זיידעס,	מוהמעס,
אַקוז.	די מאַמעס,	זיידעס,	מוהמעס.

אָנמערקונג. דאָס הויפּטוואָרט דער יוד ווערט געבויגט אַזוי ווי דאָס הויפּטוואָרט דער מענש; דאָס הויפּטוואָרט די באָבע — אַזוי ווי דאָס הויפּטוואָרט די מאַמע.

דאָס הויפּטוואָרט ד לופט, ווען עס שטעהט מיט אַ פּאָר־וואָרט און ווען דערמיט איז ניט געמיינט די לופט אַלס שטאָף, נאָר אַלס רוים (пространство), נעהמט עס אָן אין דאַטיוו פון דער איינצאָהל די ענדונג ען, צ. ב. פון דער לופטען, אין דער לופטען (אָבער פון דער לופט, אין דער לופט).

דאָס הויפּטוואָרט דאָס האַרץ, ווען עס שטעהט מיט אַ פּאָרוואָרט, נעהמט עס אָן אין דער איינצאָהל די ענדונג ען: פון האַרצען, אין האַרצען, מיט'ן גאַנצען האַרצען (אָבער: ריידען מיט האַרץ).

דאָס הויפּטוואָרט לייט, ווען עס שטעהט אָהן דעם אַרטיקעל און מיט אַ פּאָרוואָרט, נעהמט עס אָן אין געניטיוו די ענדונג ענס, אין דאַטיוו — די ענדונג — ען: פון לייטענס וועגען, ביי לייטען, פאַר לייטען, מיט לייטען גלייך.

12. די בויגונג פון די אייגענגעמען.

די נעמען און פאַמיליעס פון פּערזאָנען נעהמען אָן די ענדונג ס אין געניטיוו און די ענדונג ן אין דאַטיוו און אַקוזאַטיוו, צ. ב. נ. דוד, ג. דוד'ס, ד. דוד'ן, אַ. דוד'ן; נ. שרה, ג. שרה'ס, ד. שרה'ן, אַ. שרה'ן; נ. גאָלדבערג, ג. גאָלדבערג'ס, ד. גאָלדבערג'ן, אַ. גאָלדבערג'ן.

די צווייאָדער מעהרזילבּיגע פון זיי, ווען זיי ענדיגען זיך אויף ז, ס, ת, צ, ש, טש, וואָס שטעהען גלייך נאָך אַ וואָקאַל אָדער אין העברעאישע נעמען נאָך אַ נקודה אויסער אַ שוא, נעהמען אָן אין געניטיוו די ענדונג עס, צ. ב. מערלים'עס, יהודית'עס, פּרצ'עס, ליפשיצ'עס, אַבראַמאָוויטש'עס א. אַז. וו.

אָבער אַלע איינזילביגע און די־יעניגע פון די מעהרזילביגע, וואָס האָבען פאַר די דאָזיגע ענדונגען אַ קאָנסאָנאַנט, ענדיגען זיך

אין גענטיוו אויף ם, צ. ב. גרעצ'ס, מאַרקס'ס, שוואַרצ'ס.

די נעמען און פאַמיליעס פון פערזאָנען, וואָס ענדיגען זיך אויף מ, נ, יי, וי, (אַי) נעהמען אָן אין דאַטיוו און אַקוזאַטיוו די ענדונג ען, צ. ב. אַברהמ'ען, קלמנ'ען, לעווינען, מאַטוויי'ען, טאָלסטאָי'ען א. אַז. וו.

אויב זיי ענדיגען זיך אויף אַ ל, וואָס שטעהט נאָך אַ קאָנסאָ־נאַנט, אָדער ווען דער וואָקאַל (אָדער די נקודה) וואָס שטעהט פאַר'ן ל זאָגט זיך ניט אויס, נעהמען זיי אָן אין דאַטיוו און אין אַקוזאַטיוו די ענדונג ען, צ. ב. פייגעל (זאָגט זיך אויס פייגל) — פייגלען, רָחֵל (זאָגט זיך אויס רָחְל) — רחל'ען א. אַז. וו.

אָבער ווען פאַר'ן ל איז פאַרהאַן אַ וואָקאַל, וואָס זאָגט זיך אויס, ענדיגען זיי זיך אין דאַטיוו און אַקוזאַטיוו אויף ן, צ. ב. ישׂראל — ישׂראל'ן, קאַסעל — קאַסעל'ן א. אַז. וו.

13. אַנמערקונגען צו דער בויגונג פון די הויפּטווערטער.

דאָס וואָרט, וואָס הענגט אָב פון דעם אין גענטיוו שטעה־ענדען הויפּטוואָרט, שטעהט געוועהנליך נאָך איהם, צ. ב. דעם ברודערס בוך. דערביי ווערט דער בעשטימטער אַרטיקעל, וואָס שטעהט ביים אָבהענגיגען וואָרט, אַרויסגעלאָזען, אָבער דער אונ־בעשטימטער בלייבט, צ. ב. דער שוועסטערס חבר'טע; אָבער: דער שוועסטערס אַ חבר'טע.

פון צוויי אייגעננעמען, וואָס בעטייטען פערשידענע פערזאָנען, שטעהט דאָס הויפּטוואָרט אין גענטיוו נאָך דעם אָבהענגיגען וואָרט, צ. ב. שלמה ר' חיים'ס.

ווען אין גענטיוו, דאַטיוו אָדער אַקוזאַטיוו שטעהען צוויי אָדער מעהר הויפּטווערטער, וואָס בעטייטען איין און דיזעלבע

פערזאָן, נעהמט אָן אַ ענדונג נאָר דאָס לעצטע וואָרט, צ. ב. דעם לעהרער משה'ס אַ תלמיד; משה דעם לעהרערס אַ תלמיד; אַלעקסאַנדער דעם צווייטענס טויט; איך בין געווען ביי דער מוהמען; אָבער: איך בין געווען ביי דער מוהמע שׂרה'ן.

דער דאָזיגער כּלל גילט אויך דאַן, ווען דאָס לעצטע וואָרט קען ניט אָננעהמען קיין ענדונג, צ. ב. איך האָב בעגעגענט משה'ן; אָבער: אָבער איך האָב בעגעגענט משה דעם לעהרער.

די הויפּטווערטער, וואָס ענדיגען זיך אין דער מעהרצאָהל אויף ם (עם) און ות, קענען אין דער דאָזיגער צאָהלפאָרם ניט אָננעהמען קיין ענדונג אויף צו בעצייכענען דעם גענִיטיוו, און בּכלל נעהמען די הויפּטווערטער זעלטען אָן אין דער מעהרצאָהל אַ ענדונג פאַר דעם גענִיטיוו. עפּטער ווי אַלע נעהמען אָן די ענדונג ם, אין דעם גענִיטיוו פון דער מעהרצאָהל די־יעניגע הויפּטווערטער, וואָס ענדיגען זיך אויף ים, ער און יך, צ. ב. די דאָקטוירים'ס, די שמשים'ס, די רביים'ס, די ווייבערס, די קינדערס; די יונגליכס, די מיידליכס, די קינדערליכס.

אין די הויפּטווערטער, וואָס קענען ניט אָננעהמען די ענדונג ם אויף צו בעצייכענען דעם גענִיטיוו, אויך אין אַלע הויפּטווערטער, וואָס בעטייטען ניט־לעבעדיגע געגענשטאַנדען, ווערט אַנשטאָט דעם גענִיטיוו געברויכט דער דאַטיוו מיט'ן פּראָוואָרט פון, צ. ב. די מנהגים פון אונזערע טאַטעס און זיידעס, די גאַסען פון דער שטאָדט.

14. די בילדונג פון די הויפּטווערטער.

נאָך זייער בילדונג נאָך ווערען די הויפּטווערטער אַיינגעטיילט אין אײנפאַכע, ד. ה. אַזעלכע, וואָס זענען ניט געבילדעט פון אַנדערע ווערטער און וואָס בעשטעהען דאָס רוב פון איין זילבע, צ. ב. דער טייך, דער וואַלד, די האַנד, די טיר, דאָס האַרץ, דאָס קינד; אָבגעשטאַמטע, וועלכע זענען געבילדעט פון אַנדערע ווערטער מיט דער הילף פון פערשידענע פאָרזילבען און נאָכזילבען, און צוזאַמענגעזעצטע, וועלכע זענען צוזאַמענגעזעצט פון צוויי אָדער מעהר ווערטער.

די פאָרזילבען, וואָס דיענען אויף צו בילדען הויפּטווערטער, זענען פאָלגענדע:

גע —: דער גערוך, די געשטאַלט, דאָס געזיכט;

אונ —, געהט זעהר אָפט איבער אין אומ —: דער אונזין, די אונשולד, דאָס אונרעכט; דער אומ׳חן, דער אומ׳כבוד, דאָס אומגליק;

אור —: דער אוראייניקעל, די אורעלטערן.

די נאָכזילבען, וואָס דיענען אויף צו בילדען הויפּטווערטער, זענען פאָלגענדע:

— ונג, — ניש, — עכטס און — ריי בילדען הויפּטווערטער איבערהויפּט פון צייטווערטער: די האָפנונג, די מיינונג, די צייטונג; דאָס איבערקעהרעניש, דאָס בעשעפעניש, די פינסטערניש; דאָס שרייבעכטס, דאָס טועכטס, דאָס שפּייעכטס; די שיסעריי, די בעקעריי, די פלוידעריי.

— הייט, — קייט, — יגקייט בילדען הויפּטווערטער, איבערהויפּט פון אייגענשאַפטסווערטער; — קייט בילדעט אויך הויפּטווערטער פון מיטעלווערטער: די פרייהייט, די טרייהייט, די קראַנקהייט; די פרעהליכקייט, די דאַנקבאַרקייט, די גרויסקייט; די קליינינגקייט, די הייליגקייט, די ליכטיגקייט; די אָבגעזונדערטקייט, די אָבגעלאָזענקייט, די געפאַלענקייט.

— **שאַפט** בילדעט איבערהויפט הויפטווערטער פון הויפטווערטער: די פריינדשאַפט, די הערשאַפט, די האַנדעלשאַפט, די ברודערשאַפט, די ליעבשאַפט.

— **טום** בילדעט הויפטווערטער פון אייגענשאַפטסווערטער און הויפטווערטער: דער רייכטום, דאָס הייליגטום; דאָס יודענטום, דאָס קריסטענטום.

נאָכזילבען אויף צו בילדען מענליכע פּערזאָנענעמען:

—ער, —ניק, —אַק, —(יאַק).

— **ער** בילדעט מענליכע פערזאָנענעמען איבערהויפט פון צייטווערטער; דערביי ווערט גאַנץ אָפט פערענדערט דער שטאַמוואָקאַל: דער שרייבער, דער טרעגער, דער הענדלער, דער פישער.

— **ניק** בילדעט מענליכע פערזאָנענעמען איבערהויפט פון העברעאישע ווערטער: דער עזות'ניק, דער ישוב'ניק, דער רודף־שלום'ניק, דער שלימזל'ניק, דער קלויזניק.

— **אַק (יאַק)** דריקט איבערהויפט אויס אַ פעראַכטונג: דער פּרוסטאַק, דער טרייפניאַק, דער קלויזניאַק.

נאָכזילבען אויף צו בילדען ווייבליכע פערזאָנענעמען:

— ין, —קע, —ניצע, —טע.

— **ין** בילדעט ווייבליכע פערזאָנענעמען איבערהויפט פון די הויפטווערטער אויף ער, אָפט אָבער אויך פון אַנדערע הויפטווערטער: די הענדלערין, די זינגערין, די שניידערין, די וועלנערין, די קריסטין, די ווירטין, די גרעפין.

— **קע** ווערט זעהר אָפט געברויכט אָנשטאָט — ין: די שניידערקע, די לעהרערקע, די אַרטיסטקע.

— **ניצע** בילדעט ווייבליכע פערזאָנענעמען פון די הויפטווערטער אויף — ניק: די ישוב'ניצע, די עזות־פנים'ניצע, די שלימזל'ניצע.

— **טע** בילדעט ווייבליכע פערזאָנענעמען פון העברעאישע ווערטער און פון דעם יודישען הויפטוואָרט פּויער: די חבר'טע, די בעל־הבית'טע, די שותפ'טע, די פּויערטע, אָפטמאָל ווערט די

דאָזיגע נאָכזילבע צוגעזעצט צו דער פאָרם, וועלכע איז שוין אין העבּרעאיש סיי ווי סיי ווייבליך: די מחותנת'טע, די משומדת'טע, די קרובה'טע, די שכנה'טע.

נאָכזילבען אויף צו בילדען די פערקלענערונגספאָרם און די ליעבּעספאָרם פון די הויפּטווערטער: —על, — עלע, — קע, — ינקע, — עניו, — שע.

די פערקלענערונגספאָרם פון די הויפּטווערטער ווערט איבּער־הויפּט געבּילדעט מיט די נאָכזילבען — על, — עלע: מיט דער נאָכזילבּע — על ווערט געבּילדעט די פערקלענערונגספאָרם פון ערשטען גראַד, צ. ב. דאָס טישעל, דאָס שטיבּעל, דאָס ביכעל; מיט דער נאָכזילבּע — עלע — די פערקלענערונגספאָרם פון צווייטען גראַד, צ. ב. דאָס טישעלע, דאָס שטיבּעלע, דאָס ביכעלע.

די הויפּטווערטער אויף — על, — ע און די פון די העבּרע־איש גענומענע אויף ה, ע האָבען נאָר די פערקלענערונגספאָרם פון צווייטען גראַד, צ. ב. דער שליסעל — דאָס שליסעלע, דער ווינקעל — דאָס ווינקעלע, די נאָדעל—די נאָדעלע; די שטימע— דאָס שטימעלע; די מעשה—דאָס מעשה'לע, די רֶגע—דאָס רֶגע'לע.

די צוויי־אָדער מעהרזילבּיגע הויפּטווערטער און די העבּרעאישע האָבּען דאָס רוב נאָר די פערקלענערונגספאָרם פון ערשטען גראַד; דערבּיי נעמען זיי אָן אָנשטאָט — על די נאָכזילבּע — יל אָדער ל, מיט אַן׳אַפּאָסטראָף פאַר'ן ל, צ. ב. דער פינגער — דאָס פינ־געריל, די שוועסטער — דאָס שוועסטעריל, דאָס פענסטער — דאָס פענסטעריל; דער ספר — דאָס ספר'ל, דער בגד — דאָס בגד'ל.

ביי דער בילדונג פון דער פערקלענערונגספאָרם אויף — על, — עלע ווערען כמעט שטענדיג פערענדערט די וואָקאַלען אַ, אָ, ו, וי, צ. ב. דער זאַמד — דאָס זעמדיל, די שטאָדט — דאָס שטעדטיל, די גאַס — דאָס געסעל, דער שוך — דאָס שיכעל, דאָס הויז — דאָס הייזעל א. אז. וו, דאָס טרעפט אפילו אין מעהר־

זילבּיגע הויפּטווערטער, צ. בּ. דער פּאַפּיראָס — דאָס פּאַפּירעסיל, דאָס פּנים — דאָס פּנימ'ל.

די הויפּטווערטער אויף ל נעהמען אין דער פערקלענערונגס-פאָרם אָן צוליעב דעם וואוילקלאַנג אַ ב פאַר על, עלע און די הויפּטווערטער אויף נ, אַ ד, צ. בּ. דער שטאַל — דאָס שטעלבעל, די שוהל — דאָס שוהלבעל, דאָס מויל — דאָס מיילבעל, דער קול — דאָס קול'בעל; דער האָהן — דאָס העהנדיל, די פאַן — דאָס פענדיל, דאָס בּיין — דאָס בּיינדיל, דער חן — דאָס חנ'דיל א. אַז. וו.

די הויפּטווערטער אויף ען לאָזען אַרויס אין דער פערקלענע-רונגספאָרם די דאָזיגע ענדונג, צ. בּ. דער קאַסטען — דאָס קעסטעל, דאָס קעסטעלע, דער שטעקען — דאָס שטעקעל, דאָס שטעקעלע, דער וואָגען — דאָס וועגעל, דאָס וועגעלע. איינינע אָבּער ענדיגען זיך נאָב'ן כּלל נאָר אויף דיל, ווי צ. בּ. דער וואָלקען — דאָס וואָלקענ-דיל, דער רעגען — דאָס רעגענדיל (אויך רעגעלע), דער קוימען — דאָס קוימענדיל, דער גאָרטען — דאָס גערטענדיל (אויך גערטעלע).

אייניגע הויפּטווערטער קענען בּילדען די פערקלענערונגספאָרם מיט דעם נאָבּזילבּע — קע, צ. בּ. דער בּרודערקע, די שוועסטערקע.

— ינקע בּילדעט די ליעבּעספאָרם פון די הויפּטווערטער אויף ע: מאַמינקע, טאַטינקע, מוהמינקע.

— עניו, — שע בּילדען די ליעבּעספאָרם אין איינינע הויפּט-ווערטער: מאַמעניו, טאַטעניו, זיידעניו, זוהנעניו, גאָטעניו; מאַמישע, טאַטישע, מיידעלשע, טאָכטערשע.

אין די צוזאַמענגעזעצטע הויפּטווערטער אונטערשיידט מען אַ גרונדוואָרט און אַ בּעשטימונגסוואָרט: דאָס גרונד-וואָרט בּעצייכענט דעם געגענשטאַנד גופא, דאָס בּעשטימונגסוואָרט בּעצייכענט זיין סימן, ד. ה. דאָס, מיט וואָס ער אונטערשיידט זיך פון אַנדערע אייגענאַרטיגע געגענשטאַנדען; דאָס בּעשטימונגסוואָרט שטעהט שטענדיג פאַר'ן גרונדוואָרט, צ. בּ. פויגעלנעסט (ד. ה. אַ נעסט פאַר פויגליך), שטרויזאַק (ד. ה. אַ זאַק, מיט שטרוי

געפילט), שטאָדטגאָרטען (ד. ה. אַ גאָרטען אין שטאָדט), וואַלדשומר (ד. ה. אַ שומר פון וואַלד) א. אַז. וו.

בײַ דער צוזאַמענזעצונג נעהמט דאָס בעשטימונגסוואָרט אָפּט אָן אײַנע פון די ענדונגען ס, ן, ען, ער, אָדער די פאָרם פון דער מעהרצאָהל, צ. ב. פריהלינגסליעד, זײַפענבלאָז, קאַלבענפלייש, ביכערשראַנק, יודענפריינד, מענשענפרעסער.

אויב אַלס בעשטימונגסוואָרט פון דער צוזאַמענזעצונג דיענט אַ צײַטוואָרט, ווערט אָבגעוואָרפען זײַן ענדונג ען, צ. ב. שרײַבטיש, ברעכאײַזען; זעלטען נעהמט עס אָן אַנ׳ ע, צ. ב. לעזעבוך.

15. דאָס אײַגענשאַפטסוואָרט.

די אײַגענשאַפטסווערטער דריקען אויס די אײַגענשאַפט (качество), דעם סימן פונ׳ם געגענשטאַנד; זײ ענטפערן אויף די פראַגען ווי איז? וואָס פאַר אַ? וואָסער? וועלכער? וועמעס? צ. ב. דער וועג איז ווײַט, דער טאָג איז קורץ (ווי איז דער וועג? ווי איז דער טאָג?); לאַנגע, בלוטיג-רויטע פאַסען הענגען דאָרט אין מערב-ווינקעל, טונקען אָב די הייסע ברעגען אין דעם קאַלטען אָקעאַן (וואָס פאַר אַ פאַסען? וואָסערע, וועלכע ברעגען? אין וואָסער, אין וועלכען אָקעאַן?); פון אַ חזיר׳שען עק קען מען קיין שטרײַמעל ניט מאַכען (פון וועמעס אַנ׳עק?).

ווען די אײַגענשאַפטסווערטער זענען פערבונדען מיט די הויפּטווערטער, אויף וועלכע זײ בעציהען זיך, דורך די צײַטווערטער זײַן, ווערען, בלײַבען, ווערען זײ דאָס רוב געברויכט אָהן קיין שום ענדונג, צ. ב. דער הימעל איז בלוי.

די נאַכט איז שטיל, דאָס וועטער ווערט שען, דער פריינד בלייבט מיר טריי, די וועלדער זענען גרין.

ווען זיי שטעהען אָבער דירעקט ביי די הויפּטווערטער, אויף וועלכע זיי בעציהען זיך, נעהמען זיי אָן בעזונדערע ענדונגען אויף צו בעצייכענען געשלעכט, צאָהל און בויגפאַל, צ. ב. דער בלויער הימעל, די שטילע נאַכט, דאָס שענע וועטער, דער טרייער פריינד, די גרינע וועלדער.

דאָך קענען זיי אויך אין ערשטען פאַל אָננעהמען אַן ענדונג אויף צו בעצייכענען געשלעכט און צאָהל, אויב זיי שטעהען מיט דעם אונבעשטימטען אַרטיקעל א, צ. ב. דער הימעל איז אַ בלויער, די נאַכט איז אַ שטילע, דאָס קינד איז אַ שענס, די וועלדער זענען גרינע.

16. די בויגונג פון די אייגענשאַפטסווערטער.

די אייגענשאַפטסווערטער ווערען געבויגט, ד. ה. זיי פעראַנדערן זיך מעהר אָדער ווייניגער לויט די בויגפעלען און געשלעכטער פון דער איינצאָהל; אין דער מעהרצאָהל אָבער בלייבען זיי אונפעראַנדערט, אָננעהמענדיג די ענדונג ע פאַר אַלע בויגפעלען און געשלעכטער.

דאָס מענליכע געשלעכט פון די אייגענשאַפטסווערטער האָט אין נאָמינאַטיוו פון דער איינצאָהל די ענדונג ער, אין די איבעריגע בויגפעלען די ענדונג ען, וועלכע געהט איבער נאָך אַ נ אין עם; די אייגענשאַפטס-ווערטער אויף ער, על פערלירען דעם ע פון דער ענדונג ען.

א י י נ צ אָ ה ל.

נאָמ. דער גוטער ברודער,	דער ריינער הימעל,	אַ טייערער סוחר,	אַנ' איידעלער בחור,
גענ. דעם גוטען ברודערס,	(דעם ריינעם הימעלס),	אַ טייערן סוחר'ס,	אַנ' איידעלן בחור'ס,
דאַט. דעם גוטען ברודער,	דעם ריינעם הימעל,	אַ טייערן סוחר,	אַנ' איידעלן בחור,
אַקוז. דעם גוטען ברודער.	דעם ריינעם הימעל.	אַ טייערן סוחר.	אַנ' איידעלן בחור.

מ ע ה ר צ אָ ל.

נאָמ. די גוטע ברידער,	די ריינע הימלען,	טייערע סוחרים,	איידעלע בחורים.
גענ. די גוטע ברידערס,	(פון די ריינע הימלען),	טייערע סוחרים'ס,	איידעלע בחורים'ס
דאַט. די גוטע ברידער,	די ריינע הימלען,	טייערע סוחרים,	איידעלע בחורים,
אַקוז. די גוטע ברידער.	די ריינע הימלען.	טייערע סוחרים.	איידעלע בחורים.

אַנמערקונג. די ענדונג עם אַנשטאַט ען אין די בויגפעלען פון דער איינצאָהל נעהמט אויך אָן דאָס אייגענשאַפטסוואָרט דער נייער, צ. ב. נאָמ. דער נייער לעהרער, גענ. דעם נייעם לעהרערס, דאַט. דעם נייעם לעהרער, אַקוז. דעם נייעם לעהרער.

דאָס ווייבליכע געשלעכט פֿון די אייגענשאַפֿטסווערטער ענדיגט זיך אין נאָמינאַטיוו און אַקוזאַטיוו פֿון דער אייַנצאָהל אויף ע, אין געניטיוו און דאַטיוו אויף ער.

א י י נ צ אָ ה ל.

נאָמ.	די גוטע טאָכטער,	די ריינע שטאָדט,	אַ טייערע קרובה,	אַן' אידעלע קריסטין,
גענ.	דער גוטער טאָכטערס,	דער ריינער שטאָדטס,	אַ טייערער קרובה'ס,	אַן' אידעלער קריסטינס,
דאַט.	דער גוטער טאָכטער,	דער ריינער שטאָדט,	אַ טייערער קרובה,	אַן' אידעלער קריסטין,
אַקוז.	די גוטע טאָכטער.	די ריינע שטאָדט.	אַ טייערע קרובה.	אַן' אידעלע קריסטין.

מ ע ה ר צ א ה ל.

נאָמ.	די גוטע טעכטער,	די ריינע שטעדט,	טייערע קרובות,	אידעלע קריסטינס,
גענ.	די גוטע טעכטערס,	(פֿון די ריינע שטעדט),	(פֿון טייערע קרובות),	(פֿון אידעלע קריסטינס),
דאַט.	די גוטע טעכטער,	די ריינע שטעדט,	טייערע קרובות,	אידעלע קריסטינס,
אַקוז.	די גוטע טעכטער.	די ריינע שטעדט.	טייערע קרובות.	אידעלע קריסטינס.

אַנמערקונג. מען דאַרף שטרענג אונטערשיידען די ענדונגען פֿון דער אייַנצאָהל אין דעם ווייבליכען געשלעכט.

דאָס זעכליכע געשלעכט פֿון די אייגענשאַפֿטסווערטער, ווען עס שטעהט מיט'ן בעשטימטען אַרטיקעל, איז עס גלייך אין נאָמינאַטיוו און אַקוזאַטיוו פֿון דער אייַנצאָהל צו דעם ווייבליכען געשלעכט, אין געניטיוו און

דאַטיוו — צו דעם מענליכען; ווען עס שטעהט אָבער ניט מיט'ן בעשטימטען אַרטיקעל, נעהמט עס אָן אַין נאָמינאַטיוו און אַקוזאַטיוו די ענדונג עָס, און אַין געניטיוו און דאַטיוו איז עס גלייך צום מענליכען געשלעכט.

א י י נ צ אָ ה ל

נאָמ. דאָס גוטע קינד,	דאָס ריינע האַרץ,	אַ גוטעס קינד,	אַ ריינעס האַרץ,
גען. דעם גוטען קינדס,	דעם ריינעם האַרצענס,	אַ גוטען קינדס,	אַ ריינעם האַרצענס,
דאַט. דעם גוטען קינד,	דעם ריינעם האַרצען,	אַ גוטען קינד,	אַ ריינעם האַרצען,
אַקוז. דאָס גוטע קינד.	דאָס ריינע האַרץ.	אַ גוטעס קינד.	אַ ריינעס האַרץ.

מ ע ה ר צ אָ ה ל.

נאָמ. די גוטע קינדער,	די ריינע הערצער,	גוטע קינדער,	ריינע הערצער,
גען. די גוטע קינדערס,	(פון די ריינע הערצער),	גוטע קינדערס,	(פון ריינע הערצער),
דאַט. די גוטע קינדער,	די ריינע הערצער,	גוטע קינדער,	ריינע הערצער,
אַקוז. די גוטע קינדער.	די ריינע הערצער.	גוטע קינדער.	ריינע הערצער.

בנוגע צום זעכליבען געשלעכט פון די אייגענשאַפטסווערטער דאַרף מען אָבער בעמערקען, אז זעהר אָפט

געהמען זיי גאָר ניט אָן קיין ענדונג אין דער איינצאָל; כמעט שטענדיג קומט דאָס פאָר אין נאָמינאַטיוו און אַקוזאַטיוו ביים אינבעשטימטען אַרטיקעל; זעלטענער איז עס ביי דעם בעשטימטען אַרטיקעל, צ. ב. אַ יודיש קינד, אַ גוט וואָרט, אַ קליין שטעדטעל אַ זילבערן פינגעריל; אַ יודיש קינדס; פון אַ גיט וואָרט, אין אַ קליין שטעדטעל; דאָס קליין ביכעלע, דאָס שען מיידעלע.

ווען די אייגענשאַפטסווערטער שטעהען נאָך די הויפט-ווערטער, אויף וועלכע זיי בעציהען זיך, אדער ווען זיי ווערען געברויכט זעלבסטשטענדיג, נעהמען זיי אָן אין געניטיוו פון דער איינצאָהל די ענדונג ענס פאַר דאָס מענליכע געשלעכט און די ענדונג ערס פאַר דאָס ווייבליכע, צ. ב. דעם ברודער דעם יונגענס, דער שוועסטער דער יונגערס; נאָמ. דער אַלטער, גענ. דעם אַלטענס, דאַט. דעם אַלטען, אַקוז. דעם אַלטען; נאָמ. די אַלטע, גענ. דער אַלטערס, דאַט. דער אַלטער, אַקוז. די אַלטע.

ווען דאָס זעכליכע געשלעכט פון די אייגענשאַפטסווערטער שטעהט נאָכ'ן הויפטוואָרט אָדער ווען עס ווערט געברויכט זעלבסטשטענדיג (איין דעם בעשטימטען אַרטיקעל), נעהמט עס אָן אין נאָמינאַטיוו און אַקוזאַטיוו די ענדונג ס אָדער עס: די ערשטע ענדונג נעהמען אָן איבערהויפט די איינזילביגע אייגענשאַפטסווערטער און די וואָס ענדיגען זיך אויף יג און ליך, צ. ב. אַ שענס, אַ רעכטס, אַ פרעהליכס, אַ טרויריגס. ווען די אייגענשאַפטסווערטער ווערען געברויכט זעלבסשטענדיג אין שטעהען מיט אַ פאָרוואָרט, געהמען זיי דאָס אַקוז. די ענדונג ען (עם, ן), צ. ב. שלאָפען אויף ווייכען, אויף אַלעם פאַרטיגען, צו גיטען, מיט בייזען; אַז כ'עו בריהט זיך אָב אויף הייסען בלאָזט מען אויף קאַלטען.

די געאָגראַפישע אייגענשאַפטסווערטער אויף ער בלייבען אונפערענדערט אין אַלע בויגפעלען, צאָהלפאָרמען און געשלעכטער,

א י י נ צ אָ ה ל.

נאָמ. דער ווילנער איינוואוינער,	די ווילנער גאַס,	דאָס ווילנער בלאַט,
גענ. דעם ווילנער איינוואוינערס,	(פון דער ווילנער גאַס),	(פון דעם ווילנער בלאַט),
דאַט. דעם ווילנער איינוואוינער,	דער ווילנער גאַס,	דעם ווילנער בלאַט,
אַקוז. דעם ווילנער איינוואוינער.	די ווילנער גאַס.	דאָס ווילנער בלאַט.

מ ע ה ר צ אָ ה ל.

נאָמ. די ווילנער איינוואוינער,	די ווילנער גאַסען,	די ווילנער בלעטער,
גענ. די ווילנער איינוואוינערס,	(פון די ווילנער גאַסען),	(פון די ווילנער בלעטער),
דאַט. די ווילנער איינוואוינער,	די ווילנער גאַסען,	די ווילנער בלעטער,
אַקוז. די ווילנער איינוואוינער,	די ווילנער גאַסען,	די ווילנער בלעטער,

17. די פערגלייכונגסשטופען פון די אייגענשאפטסווערטער.

(Die Komparation, степени сравненія, יַחַס הַדִּמְיוֹן)

די אייגענשאפטסווערטער, וועלכע דריקען אויס א אייגענשאפט, וואס דער געגענשטאנד קען זי האבען אין א גרעסערער אדער קלענערער מאס, קענען געברויכט ווערען אין דריי מדרגות, וועלכע הייסען פערגלייכונגסשטופען; זיי זענען פאלגענדע:

א) די גרונדשטופע (Der Positiv, положительная степень, עֶרֶךְ השווי) וועלכע בעווייזט נאר, אז דער געגענשטאנד האט די און די אייגענשאפט און וועלכע איז צו גלייכער צייט אויך די גרונדפארם פון די אייגענשאפטסווערטער, צ. ב. ריין, נאריש, חשוב; —

ב) די פערגלייכונגסשטופע (Der Komparativ, сравнительная степень, עֶרֶךְ היתרון) וועלכע בעווייזט, אז א געוויסע אייגענשאפט איז אין איין געגענשטאנד דא אין א גרעסערער מדרגה, ווי אין דעם צווייטען, צ. ב. דער בוים איז העכער פון דעם דאך. די פערגלייכונגסשטופע בילדעט מען, פון דער גרונדשטופע דורך דער נאכזילבע ער, צ. ב. ריין — רייגער—נאריש — נארישער, חשוב — חשוב'ער.

ג) די העכסטשטופע (Der Superlativ, превосходная степень, עֶרֶךְ ההפלגה) וועלכע בעווייזט, אז א געוויסע אייגענשאפט געפינט זיך אין דעם געגענשטאנד אין דער העכסטער מדרגה, צ. ב. און די רייכסטע קרוין פון מזרח — פון דעם קליגסטען קאפ געטראגען — ליעגט צו איהרע פיס געבויגען האלב פערדונקעלט, גאנץ פערשעמט (מ. ראזענפעלד). די העכסטשטופע בילדעט מען פון דער גרונדשטופע דורך דער נאכזילבע סט, צ. ב. ריין — רייגסט(ער), נאריש — נארישסט(ער), חשוב — חשוב'סט(ער).

ביי דער בילדונג פון דער פערגלייכונגסשטופע און פון דער

העכסטשטופע ווערען אין די פאָלגענדע אייגענשאַפטסווערטער פער־ענדערט די שטאַמוואָקאַלען: אַלט — עלטער—עלטסטער, אָפט — עפטער (אויך אָפטער) — אָפטסטער, געזונד — געזינדטער — גע־זינדסטער, גערעכט — גערעכטער (אויך גערעכטענער) — גערע־טענסטער (אויך גערעכטענסטער), גראָב — גרעבער — גרעבסטער, טונקעל — טינקעלער—טינקעלסטער (אויך טונקעלסטער), טרוקען— טריקענער — טריקענסטער (אויך טרוקענסטער), לאַנג — לענגער— לענגסטער, נאָהענט — נעהענטער — נעהענטסטער (אויך נאָהענטס־טער), פרום — פרימער — פרימסטער, קאַלט — קעלטער — קעלטסטער (אויך קאַלטסטער), קורץ — קירצער — קירצסטער, קלאָר — קלערער (אויך קלאָרער) — קלערסטער (אויך קלאָרסטער), קלוג — קליגער — קליגסטער, קליין — קלענער — קלענסטער, שמאָל — שמעלער (שמאָלער) — שמאָלסטער, שען — שענער — שענסטער.

אין אַלע אַנדערע אייגענשאַפטסווערטער בלייבען די שטאַם־וואָקאַלען אונפערענדערט, צ. ב. שאַרף — שאַרפער — שאַרפסטער, שטאַרק — שטאַרקער — שטאַרקסטער, האַרט — האַרטער — האַרטסטער א. אז. וו.

די אייגענשאַפטסווערטער, מיט דער ענדונג ם אין דער גרונדשטופע, נעהמען אָן אין דער העכסטשטופע בלויז די ענדונג ט(ער), צ. ב. זים — זיסט(ער), נאַס — נאַסט(ער).

איינינע געברויכען אין דער ליטעראַטור די העכסטשטופע נאָך די בוכשטאַבען ד, ט, ס, ז, צ, און נאָך וואָקאַלען מיט דער ענדונג עסט (אַזוי ווי אין דייטש), צ. ב. מינדעסטער, זאַנפ־טעסטער, הייסעסטער, בייזעסטער, שטאָלצעסטער, נייעסטער. אָבער די דאָזיגע פאָרם איז פרעמד דער יודישער שפראַך, וועלכע געברויכט מינדסטער, זאַנפטסטער, הייסטער, בייזסטער, שטאָלצסטער, נייסטער א. אז. וו.

ניט נאָכ'ן כלל נאָך ווערען געבילדעט די פערגלייכונגסשטופען פון די אייגענשאַפטסווערטער: גוט — בעסער — בעסט(ער), שלעכט— ערגער — ערגסט(ער) (אויך שלעכטער — שלעכטסט(ער)), ווייניג— ווייניגער אָדער מינדער — מינדסט(ער), פיעל — מעהר אָדער מעהרער — מעהר פון אַלץ.

די אייגענשאַפטסווערטער פאָדערשטער, הינטערשטער, איבערשטער, אונטערשטער ווערען געברויכט נאָר אין דער העכסט שטופע און אָנשטאָט סט נעהמען זיי אָן שט.

די פערגלייכונגסשטופע און די העכסטשטופע ווערען געבויגט אַזוי ווי די גרונדשטופע פון די אייגענשאַפטסווערטער; נאָר די העכסטשטופע קען ניט געברויכט ווערען אָהן אַנ'ענדונג, דעריבער זאָגט מען ניט: דער מענש איז קליגסט, נאָר: דער מענש איז דער קליגסטער, אָדער: דער מענש איז קליגער פון אַלעמען; מען זאָגט ניט: די דאָזיגע אַרבייט איז שווערסט, נאָר די דאָזיגע אַרבייט איז די שווערסטע, אָדער: די דאָזיגע אַרבייט איז שווערער פון אַלע; מען זאָגט ניט: דאָס קינד איז קלענסט, נאָר: דאָס קינד איז דאָס קלענסטע, אָדער: דאָס קינד איז קלענער פון אַלע.

אָנמערקונג: אָנשטאָט פון קענען ביי די פערגלייכונגס שטופען שטעהן די ווערטער, פאַר, ווי, איידער, אַלס. צ. ב. קליגער פון מיר, קליגער פאַר מיר, קליגער ווי איך, קליגער איידער איך, קליגער אַלס איך; קליגער פון אַלעמען, קליגער פאַר אַלעמען, קליגער ווי אַלע.

די פערגלייכונגסשטופען קענען פערשטאַרקט ווערען דורך פאָלגענדע אומשטאַנדסווערטער:

די גרונדשטופע — דורך: זעהר, ווייניגער, מעהר, העכסט אונגעוועהנליך, צ. ב. זעהר גרויס, ווייניגער רייך, מעהר ריין העכסט אינטערעסאַנט, אונגעוועהנליך קליין;

די פערגלייכונגסשטופע דורך: פיעל, אַ סך, אַ נאָך, ניט אַ

אַנ׳ערך, צ. ב. פיעל שענער, אַסך גלייכער, נאָך טייערער. נים אין אַנ׳ערך שטאַרקער;

די העכסטשטופע דורך סאַמע און אין איינינע אייגענשאַפטס־ווערטער דורך אַלער אָדער אַל, וואָס גיסט זיך צונויף מיט׳ן אייגענשאַפטסוואָרט, צ. ב. דער סאַמע וויכטיגסטער. דער אַלער־העכסטער, דער אַלמעכטיגער.

18. די בילדונג פון די אייגענשאַפטסווערטער.

די אייגענשאַפטסווערטער ווערען אַזוי ווי די הויפטווערטער, איינגעטיילט אין איינפאַכע, אָבגעשטאַמטע און צו־זאַמענגעזעצטע.

די פאָרזילבען, וואָס דיענען אויף צו בילדען אייגענשאַפטס־ווערטער, זענען פאָלגענדע:

גע—: געוויס, גערעכט, געשמאַק.

אונ—: געהט זעהר אָפט איבער אין אום—: אונדאַנקבאַר, אונערטרעגליך; אומריין, אומגליקליך, אום׳ברחמנות׳דיג.

אור—: אוראַלט.

די נאָכזילבען, וואָס דיענען אויף צו בילדען אייגענ־שאַפטסווערטער, זענען פאָלגענדע:

— ען (—ן) — ערן בילדען שטאָפאייגענשאַפטסווערטער: אָלדען, זיידען, וואָלען; זילבערן, קופערן; גלעזערן, הילצערן.

— יג (—דיג) בילדען אייגענשאַפטסווערטער איבערהויפּט פון הויפטווערטער: פאַרביג, שטוביג, ליכטיג, פייערדיג, וואַסער־דיג, אכזריות׳דיג.

— יש — געהט אָפט צוליעב דעם וואוילקלאַנג איבער אין

ש — בעצייכענט איבערהויפט די אָנגעהעריגקייט : יודיש , רוסיש , דאָרפיש ; קינדעריש , ווייבעריש , קליינשטעדטעליש .

— ליך בילדעט אָפט זעלבסטשטענדיגע אייגענשאַפטס־ווערטער און אָפט בעצייכענט עס אַ קלענערן גראַד פון דער אייגענשאַפט : גליקליך , מעגליך ; שוואַרצליך , קאַלטליך .

— באַר : דאַנקבאַר , גאַנגבאַר , קאָסטבאַר .

— זאַם : לאַנגזאַם , זעלטזאַם .

— ינק(ער) , — טשיק(טשינק) בילדען די פערקלענערונגס־פאָרם און די ליעבעספאָרם פון די אייגענשאַפטסווערטער , קליינינקער , ליעבינקער , נייאינקער ; קליינטשיקער , שענטשיקער .

אַנמערקונג : די אייגענשאַפטסווערטער אויף — ינק(ער) קענען ניט געברויכט ווערען אָהן אַנ'ענדונג , צ. ב. דער קליינינקער טיש , די קליינינקע שטוב , דאָס קליינינקע הייזעל ; אַ קליינינקער טיש , אַ קליינינקע שטוב , אַ קליינינקעס הייזעל . אָבער די אייגענשאַפטסווערטער אויף טשיק קענען יאָ געברויכט ווערען אין דעם זעכליכען געשלעכט אָהן אַנ'ענדונג , צ. ב. אויף אַ קליינטשיק שטיקעל ערד .

19. דאָס צאָהלוואָרט .

דאָס צאָהלוואָרט בעצייכענט די צאָהל פון די געגענשטאַנדען אָדער די אָרדנונג , וואָס אַ געגענשטאַנד פערנעהמט אין אַ צאָהל , צ. ב. דריי לעהרער , דער דריטער לעהרער .

די צאָהלווערטער ווערען אייגעטיילט אין גרונדצאָהלען (מספר יסודי, числительныя количественныя) אָרדנונגסצאָהלען (מספר סדורי, числительныя порядковыя) און ברוכצאָהלען (מספר חלקי, числительныя дробныя) .

א) די גרונדצאָהלען.

די גרונדצאָהלען בעצייכענען די צאָהל פון די געגענשטאַנדען און ענטפערן אויף די פראַגע וויפיעל? צ. ב. איינס (איין), צוויי, צעהן, פופצעהן, צוואַנציג, איין און צוואַנציג, הונדערט, טויזענד, צויימאָל הונדערט טויזענד (אָדער צוויי הונדערט טויזענד), פינפמאָל הונדערט טויזענד (אָדער פינף הונדערט טויזענד), מיליאָן א. אַז. וו.

אָנמערקונג: צו די גרונדצאָהלען געהערען אויך די זאַמעלצאָהלען: ביידע, אַ פּאָר, אַ טוץ, אַ שאָק, אַ צעהנדליג, אַ מאָה.

אין יודיש שטעהען די איינציגע פאַר די צעהנדליגע און ווערען פערבונדען מיט זיי דורך און, צ. ב. איין און דרייסיג, צוויי און פערציג, דריי טויזענד זיעבען הונדערט אַכט און נייַנציג א. אַז. וו.

אָנמערקונג: מען קען אָבער אויך שטעלען די צעהנדליגע פאַר די איינציגע; דאַן ווערט און אַרויסגעלאָזען, צ. ב. דרייסיג איינס, פערציג צוויי, דריי טויזענד זיעבען הונדערט נייַנציג אַכט.

די גרונדצאָהלען ווערען בכלל ניט געבויגט; נאָר די גרונדצאָהלען צוויי, דריי, פיער, פינף, זעקס, ווען זיי שטעהען זעלבסטשטענדיג, אָהן אַ הויפּטוואָרט, קענען זיי אָננעהמען אין געניטיוו די ענדונג ענס און אין דאַטיוו און אַ קוזאַטיוו די ענדונג ען, צ. ב. צווייענס אַ זאַך, גיב דאָס אָב דרייען, זעקסען האָט מען פערהאַלטען.

דאָס צאָהלוואָרט ביידע, ווען עס שטעהט זעלבסטשטענדיג, ווערט עס געבויגט אויף פאָלגענדען אופן: נאָמ. ביידע, גענ. ביידענס, דאַט.ביידען, אַקוז. ביידען.

די גרונדצאָהלען ווערען בכלל געברויכט נאָר אין איין צאָהלפאָרם; נאָר די צאָהלווערטער צעהנדליג, הונדערט, טויזענד, מיליאָן, ביליאָן, ווען זיי שטעהען ניט נאָך גרונדצאָהלען, נעהמען זיי אָן אין דער מעהרצאָהל די ענדונג ער (די ערשטע דריי) און

ען (די איבריגע), צ. ב. צעהנדליגער רובל, הונדערטער מענשען, טויזענדער יאָהרען, מיליאָנען שטערן. שטעהענדיג אָבער נאָך גרונדצאָהלען בלייבען זיי אונפערענדערט, צ. ב. דריי צעהנדליג, פיער הונדערט, זיעבען טויזענד, אַכט מיליאָן.

אָנמערקונג: דאָס צאָהלוואָרט צעהנדליג אַלס אַריפמעטישער טערמין נעהמט אָן אין דער מעהרצאָהל די ענדונג ע, צ. ב. די צעהנדליגע שטעהען נאָך די אֵיינציגע.

ב) די אָרדנונגסצאָהלען.

די אָרדנונגסצאָהלען בעצייכענען די אָרדונג, וואָס אַ געגענשטאַנד פערנעהמט אין אַ צאָהל, און ענטפערן אויף די פראַגע: דער וויפיעלסטער? (די וויפיעלסטע? דאָס וויפיעלסטע?). צ. ב. דער ערשטער, די פינפטע, דאָס צעהנטע, דער אֵיינאונצוואַנציגסטער, די דרייאונפופציגסטע, דאָס אַכטאונזיעבעציגסטע א. אַז. וו.

די אָרדנונגסצאָהלען בילדעט מען פון די גרונדצאָהלען, צוזעצענדיג צו די גרונדצאָהלען די ענדונג טער (טע) פאַר די אָרדנונגסצאָהלען פון צוויי ביז נײַנצעהן און די ענדונג סטער (סטע) פאַר די איבריגע אָרדנונגסצאָהלען, צ. ב. צוויי — דער צווייטער, פינף — די פינפטע, צעהן — דאָס צעהנטע, פופצעהן — דער פופצעהנטער, זעכצעהן — די זעכצעהנטע, נײַנצעהן — דאָס נײַנצעהנטע; צוואַנציג — דער צוואַנציגסטער, אַכציג — די אַכציגסטע, צוויי און נײַנציג — דאָס צווייאונניינציגסטע, הונדערט — דער הונדערטסטער א. אַז. וו.

אונרעגעלמעסיג ווערען געבילדעט: דער ערשטער (פון אֵיינס) דער דריטער (פון דריי), דער פערטער (פון פיער) [אויך פיערטער]

אין צוזאַמענגעזעצטע צאָהלווערטער ווערט די ענדונג טער אָדער סטער צוגעזעצט נאָר צו דער לעצטער צאָהל, צ. ב. דער טויזענד אַכט הונדערט צווייאונאַכציגסטער.

די אָרדנונגסצאָהלען ווערען געבויגט אַזוי ווי די העבכט־שטופע כון די אייגענשאַפטסווערטער.

ג) די ברוכצאָהלען.

די ברוכצאָהלען בעצייכענען אַ טייל פון אַ צאָהל, צ. ב. אַ דריטעל, צוויי פינפטליך, אַנדערטהאַלבען, דריטהאַלבען א. אַז. וו.

די ברוכצאָהלען בילדעט מען פון די אָרדנונגסצאָהלען, פער־בייטענדיג די ענדונג ער (ע) אָדער אויף על, צ. ב. דער צעהנ־טער — דאָס צעהנטעל, דער צוואַנציגסטער — דאָס צוואַנציגסטעל א. אַז. וו., אָדער אויף דאָס העבּרעאישע וואָרט חלק, צ. ב. אַ צעהנט־חלק, אַ צוואַנציגסט־חלק א. אַז. וו.

אַנשטאָט „אַ צווייטעל" ווערט געברויכט „אַ האַלבער" (אַ האַלבע, אַ האַלבס) אָדער „אַ העלפט", אַנשטאָט „אַ דריטעל" קען מען געברויכען „אַ שליש".

אויסער די דאָזיגע ברוכצאָהלען זענען נאָך דאָ ברוכצאָהלען, וואָס בעצייכענען גאַנצע מיט אַ האַלבער, צ. ב. אַנדערטהאַלבען ($1^1/_2$), דריטהאַלבען ($2^1/_2$), פינפטהאַלבען ($4^1/_2$), א. אַז. וו.

די ברוכצאָהלען אויף על נעהמען אָן אין דער מעהרצאָהל די ענדונג יך און לאָזען אַרויס דעם ע פאַר'ן ל, צ. ב, דריי צעהנטליך, זיעבען צוואַנציגסטליך.

נאָר די ברוכצאָהלען דריטעל, פערטעל און אַכטעל קענען בלייבען אָהן אַנ'ענדונג אין דער מעהרצאָהל, צ. ב. צוויי דריטעל, דריי פערטעל, פינף אַכטעל.

די ברוכצאָהל האַלבער ווערט געבויגט ווי די אייגענשאַפטס־ווערטער.

נאָך אַלע גרונדצאָהלען, אויסער איין, שטעהט דאָס אָבּ־הענגיגע הויפּטוואָרט אין דער מעהרצאָהל, צ. ב. צוויי הייזער, זיעבען העמדער, ביידע ברידער, אַ פּאָר ביכער, אַ טוץ שטוהלען,

אַ שאָק איִער א. אַז. וו. אָבער: הונדערט און איין הויז; טויזענד און איין נאַכט.

די הויפּטווערטער, וועלכע בעצייכענען אַ וואָג אָדער אַ מאָס, ווערען ניט פערענדערט נאָך די גרונדצאָהלען, צ. ב. צוויי פונט צוקער, דריי אַרשין לייוועגט, דריי פלאַש ביער, צוויי גלאָז טיי, פינף פּאָר זאָקען, דריי טוץ העמדער. דאָסזעלבע איז אויך מיט'ן הויפּטוואָרט מאַן, צ. ב. פופציג מאַן.

פון די הויפּטווערטער, וועלכע בעצייכענען די צייט, שטעהען מאָנאַט, חדש, וואָך, טאָג, נאַכט, שטונדע, סעקונדע נאָך די גרונדצאָהלען אין דער מעהרצאָהל; די הויפּטווערטער אָבער יאָהר, מעת־לעת, שעה, מינוט — אין דער איינצאָהל, צ. ב. דריי מאָנאַטען, פינף חדשים, זעקס וואָכען, זיעבען טעג, פינף נעכט, צעהן שטונדען, פופצעהן סעקונדעס; אָבער: דריי יאָהר, פינף מעת־לעת, צוועלף שעה, זעכציג מינוט.

20. דאָס פירוואָרט.

פירווערטער הייסען די ווערטער, וואָס ווערען געברויכט אָנשטאָט הויפּטווערטער, אייגענשאַפטסווערטער און צאָהלווערטער, צ. ב. דער מארק איז אינמיטען שטאָדט; ער איז ברייט און פוסט. איך האָב זיך געקויפט אַ קליין געפלאָכטען טייסטעריל; דיו האָט, דאַכט זיך, אויך אַזאַ. דער לעהרער האָט זיך פערשאַפט עטליכע גוטע תלמידים.

נאָך זייער בעדייטונג נאָך ווערען די פירווערטער איינגעטיילט אין:

1) פּערזענליכע (личныя): איך (די ערשטע פּערזאָן),

דו (די צווייטע), ער, זי, עס (די דריטע);

2) ווידערקעהרענדע (возвратное): זיך;

3) בעזיצאָנווייזענדע (притяжательныя): מיין, דיין, זיין, איהר, אונזער, אייער, זייער; דאָס מייניגע, דאָס דייניגע, דאָס זייניגע, דאָס איהריגע, דאָס אונזעריגע, דאָס אייעריגע, דאָס זייעריגע;

4) אָנווייזענדע (указательныя): דער, די, דאָס; אָט דער, אָט די, אָט דאָס; דער דאָזיגער, די דאָזיגע, דאָס דאָזיגע; יענער, יענע, יענ(ע)ס (יענץ); אַזאַ; אַזוינער, אַזוינע, אַזוינ(ע)ס; אַזעלכער, אַזעלכע, אַזעלכ(ע)ס; דער־יעניגער, די־יעניגע, דאָס־יעניגע; דערזעלבער, דיזעלבע, דאָסזעלבע; דער־זעלביגער, דיזעלביגע, דאָסזעלביגע;

5) פראַגענדע (вопросительныя): ווער? וואָס? וועל־כער? וואָסער? וואָסער אַ? וואָס פאַר אַ? דער וויפיעל? וויפיעלסטער?

6) בעציהענדע (относительныя): זיי זענען דיזעלבע, וואָס די פראַגענדע, נאָר זיי ווערען געברויכט אָהן אַ פראַגע און דיענען אויף צוזאַמענבינדען זאַצען. אויסערדעם ווערען אַלס בע־ציהענדע פירווערטער געברויכט די אָנווייזענדע פירווערטער דער, יענער, דער־יעניגער, אויב זיי דיענען אויף צוזאַמענבינדען זאַצען, צ. ב. וואָס האָסטו געפונען? (וואָס — איז דאָ אַ פראַגענדעס פירוואָרט), איך האָב געפונען דאָס, וואָס איך האָב פערלאָרען (דאָס און וואָס זענען דאָ בעציהענדע פיר־ווערטער, ווייל זיי דיענען אויף צוזאַמענבינדען די דאָזיגע צוויי־זאַצען).

7) בעשטימטע (опредѣлительныя): יעדער, יעדע, יעדעס; איטליכער, איטליכע, איטליכ(ע)ס; יעט־ווידער; אַליין, זעלבסט, גופא; אַלץ (אַלעס), אַלדאָס, אַלצדינג, אַלע; גאָר; —

8) אונבעשטימטע (неопредѣленныя): עמיצער (עמיץ), איינער, מען, עפעס, עטוואס, אייניגע, עטליכע; וועלכער עס איז, ווער עס איז, וואס עס איז, עפעס עס איז; וועלכער ניט איז, וואס ער ניט איז; אבי־ווער, אבי־וואס.

אנמערקונג: אלס אונבעשטימטע פירווערטער אין פראגענדע זאצען ווערען אויך געברויכט די פירווערטער ווער, וואס, צ. ב. דא איז ווער (אנשטאט עמיצער) געווען? דו האסט וואס (אנשטאט עפעס) געקויפט?

צו די אונבעשטימטע פירווערטער געהערען אויך די פערנייענדע פירווערטער קיינער, קיין, קיין שום, גארנישט.

אנמערקונג: נאך די פירווערטער קיינער, קיין, קיין שום, גאר נישט שטעהט געוועהנליך אויך דאס פערניינונגסווארט ניט, צ. ב. קיינער איז דא ניט געווען; איך האב ניט קיין ווארימען בגד; איך האב גארנישט ניט איבערגעלייענט. דאס פערניינונגסווארט ניט קען אבער אויך ארויסגעלאזט ווערען, צ. ב. איך האב קיין ווארימען בגד; איך האב נאך גארנישט איבערגעלייענט.

21. די בויגונג פון די פירווערטער.

איינצאהל.

	פאר אלע געשלעכטער.		מענליך.	ווייבליך.	זעכליך.
נאמ.	איך,	דו,	ער,	זי,	עס,
גענ.	מיין (מיינער),	דיין (דיינער),	זיין (זיינער),	איהר (איהרער),	זיין (זיינער),
דאט.	מיר,	דיר,	איהם,	איהר,	איהם,
אקוז.	מיך.	דיך.	איהם.	זי.	עס.

מעהרצאהל.

פאר אלע געשלעכטער.

מיר,	איהר,	זיי,
אונזער (אונזערער),	אייער (אייערער),	זייער (זייערער),
אונז,	אייך,	זיי.
אונז.	אייך.	זיי.

אנמערקונג 1: אלס אויסדריק פון העפליכקייט ווערט אין יודיש אמאל געברויכט אנשטאט דער צווייטער פערזאן פון דער מעהרצאהל די דריטע, צ. ב. וואס פערלאנגען זיי? (אנשטאט וואס פערלאנגט איהר?)

אנמערקונג 2: מען דארף שטרענג אונטערשיידען דעם דאטיוו און דעם אקוזאטיוו פון די פערזענליכע פירווערטער אין דער איינצאהל, צ. ב. ער האט מיר אבגעגעבען דעם בריעף; אבער: ער האט מיך ניט געטראפען אין דער-היים. ער האט עס דיר געזאגט; אבער: ער האט דיך געפרעגט, איך האב איהר אנגעשריבען א קארטעל; אבער: איך האב זי נאך נעכטען געזעהן.

די בעזיצאנווייזענדע פירווארטער מיין, דיין, זיין, איהר, אונזער, אייער, זייער ווערען געברויכט אלס דער געניטיוו פון די פערזענליכע הויפטווערטער. ווען זיי שטעהען פאר די הויפטווערטער, אויף וועלכע זיי בעציהען זיך, בלייבען זיי אונפערענדערט, אנגעהמענדיג נאר אין דער מעהרצאהל די ענדונג ע; ווען אבער די דאזיגע פירווערטער שטעהען נאך די הויפטווערטער, אדער ווען צווישען זיי און די הויפטווערטער איז דא דער אונבעשטימטער ארטיקעל א, נעהמען זיי דאן אן בעזונדערע ענדונגען סיי פאר די בויגפעלען, סיי פאר די געשלעכטער און ווערען געבויגט ווי די אייגענשאפטסווערטער.

בײשפיעלען:

איינצאהל.

נאמ.	מיין פריינד,	מיין שנור,	מיין קינד,
גענ.	מיין פריינדס,	מיין שנורס,	מיין קינדס,
דאט.	מיין פריינד,	מיין שנור,	מיין קינד,
אקוז.	מיין פריינד.	מיין שנור.	מיין קינד.

מעהרצאהל.

מיינע פריינד,	מיינע שניר,	מיינע קינדער,
מיינע פריינדס,	מיינע שנירס	מיינע קינדערס,
מיינע פריינד,	מיינע שניר,	מיינע קינדער,
מיינע פריינד.	מיינע שניר.	מיינע קינדער.

א י י נ צ אָ ה ל.

נאָמ.	אַ פרײנד מײנער,	מײנער אַ פרײנד,	אַ שנור מײנע,	מײנע אַ שנור,	אַ קינד מײנס,	מײנס אַ קינד,
גענ.	אַ פרײנד מײנעמס,	מײנעמ אַ פרײנדס,	אַ שנור מײנערס,	מײנער אַ שנורס,	אַ קינד מײנעמס,	מײנעמ אַ קינדס.
דאַט.	אַ פרײנד מײנעמ,	מײנעמ אַ פרײנד,	אַ שנור מײנער,	מײנער אַ שנור,	אַ קינד מײנעמ,	מײנעמ אַ קינד,
אַקוז.	אַ פרײנד מײנעמ.	מײנעמ אַ פרײנד.	אַ שנור מײנע.	מײנע אַ שנור.	אַ קינד מײנס.	מײנס אַ קינד.

אין דער מעהרצאָהל װערט די דאָזיגע פאָרמ געברױכט איבערהױפּט מיט דעמ בעשטימטען אַרטיקעל: די קינדער מײנע.

די בעזיצאָנװײזענדע פּירװערטער ד אָ ס מ ײ נ י ג ע, ד אָ ס ד ײ נ י ג ע, ד אָ ס ז ײ נ י ג ע א. אז. װ. װערען ניט געבױגט און װערען געברױכט אָהן הױפּטװערטער. דעם אַרטיקעל ד אָ ס קענען זײ אָפּטמאָל אַרױסלאָזען.

דאָס װידערקעהרענדע פּירװאָרט ז י ך בלײבט אונפערענדערט און װערט געברױכט פאַר אַלע פּערזאָנען, צ. ב. איך שעם זיך, דו שעמסט זיך, ער שעמט זיך, מיר שעמען זיך, איהר שעמט זיך, זײ שעמען זיך. אָפטמאָל אָבער װערט אָנשטאָט ז י ך געשטעלט בײ דער ערשטער און צװײטער פּערזאָן פון דער אײנצאָהל און בײ דער צװײטער פון דער מעהרצאָהל דער דאַטיװ און זעלטען אױך דער אַקוזאַטיװ פון די געהעריגע פּערזענליכע פּירװערטער, צ. ב. איך שטעל מ י ר פאָר, דו שטעלסט ד י ר פאָר, איהר שטעלט א ײ ך פאָר; איך שעם מיך, דו שעמסט דיך, איהר שעמט אײך.

די אָנוויזענדע פריווערטער דער, די, דאָס; אָט דער, אָט די, אָט דאָס ווערען געבויגט ווי דער בעשטימטער אַרטיקעל. ווען זיי שטעהען אָהן אַ הויפּטוואָרט, נעהמען זיי אָן אין געניטיוו פון דער אײנצאָהל די ענדונג ם: דעמס, דערס, אָט דעמס, אָט דערס.

די אָנוויזענדע פירווערטער דער דאָזיגער, דעריעניגער, דערזעלבער, דערזעלביגער, יענער, אַזעלכער, אַזוינער; די פראַגענדע — וועלכער? דער וויפיעלסטער? דאָס בעשטימטע פירוואָרט איטליכער און די אונבעשטימטע אײנער און קײנער ווערען געבויגט אַזוי ווי די אײגענשאַפטסווערטער. ווען זיי שטעהען אָהן הויפּטווערטער אָדער נאָך זיי נעהמען זיי אַלע אָן אין געניטיוו פון דער אײנצאָהל די ענדונג ענס (עמס). דער נאָמינאַטיוו און אַקוזאַטיוו פון דער אײנצאָהל פון די פירווערטער יענער, אַזעלכער, אַזוינער, איטליכער, אײנער האָט אין דעם זעכליכען געשלעכט די ענדונג ס: יענס (אויך יענץ), אַזעלכס, אַזוינס, איטליכס, אײנס.

די אָנוויזענדע פירווערטער אַזעלכער, אַזוינער ווערען אין דער אײנצאָהל געברויכט נאָר זעלבסטשטענדיג, ד. ה. אָהן הויפּטווערטער. מיט הויפּטווערטער ווערט אָנשטאָט זיי געברויכט דאָס פירוואָרט אַזאַ, וואָס בלייבט אונפערענדערט אין אַלע בויגפעלען און געשלעכטער און ווערט געברויכט נאָר אין דער אײנצאָהל, צ. ב. אַזאַ טיש, אַזאַ שטאָדט, אַזאַ בוך. אַלס די מעהרצאָהל פון דעם פירוואָרט אַזאַ ווערט געברויכט די מעהרצאָהל פון די פירווערטער אַזעלכער, אָדער אַזוינער, צ. ב. אַזאַ טיש, אַזעלכע טישען, אָדער אַזוינע טישען.

דאָס פירוואָרט וואָסער, ווען עס שטעהט מיט אַ הויפּטוואָרט, בלייבט עס אונפערענדערט; נאָר אין דער מעהרצאָהל נעמט עס אָן די ענדונג ע, צ. ב. וואָסער לעהרער? וואָסער לעהרערין? וואָסער בוך? וואָסער לעהרערס? וואָסערע לעהרער?

ווען עס שטעהט אָבער אָהן אַ הויפּטוואָרט, ווערט עס געבויגט ווי אַנ'אייגענשאַפטסוואָרט.

דאָס פירוואָרט יעדער ווערט געברויכט נאָר אין דער איינצאָהל און ווערט געבויגט אויף צווייערליי אופנים: ווען עס שטעהט מיט אַ הויפּטוואָרט און ווען עס שטעהט אָהן אַ הויפּטוואָרט.

מיט אַ הויפּטוואָרט:

נאָמ.	יעדער מענש,	יעדע פרוי,	יעדעס קינד,
גענ.	יעדען מענשענס,	יעדער פרויס,	יעדען קינדס,
דאַט.	יעדען מענשען,	יעדער פרוי,	יעדען קינד,
אַקוז.	יעדען מענשען.	יעדע פרוי.	יעדעס קינד

אָהן אַ הויפּטוואָרט:

מענליך.	ווייבליך.
יעדערער,	יעדערע,
יעדערנס,	יעדערערס,
יעדערן,	יעדערער,
יעדערן.	יעדערע.

יעטווידער ווערט געברויכט נאָר אין דער איינצאָהל און ווערט אָדער גאָרניט געבויגט, ווען עס שטעהט מיט אַ הויפּטוואָרט, אָדער עס ווערט געבויגט ווי יעדערער, ווען עס שטעהט זעלבסטשטענדיג.

דיָזס פירוואָרט ווער האָט איין צאָהלפאָרם און פאָלגענדע בויגונג; נאָמ. ווער? גענ. וועמעס? דאַט. וועמען? אַקוז. וועמען?

דאָס פירוואָרט אַלץ (אַלעס) בלייבט אונפערענדערט. מיט פאָרווערטער אָבער נעהמט עס אָפט אָן די פאָרמען אַלעם און אַלעמען, צ. ב. אויף אַלעם פאַרטיגען, נאָך אַלעמען, מיט אַלעמען.

דאָס פירוואָרט אַלדאָס שטעהט נאָר בּיי אֵיינִיגע הויפּט־ווערטער און בּלייבּט אונפערענדערט; אין דער מעהרצאָהל גענעהמט עס אָן די פאָרם אַלדי, צ. בּ. אַלדאָס גוטס; אַלדאָס בּייז; אַלדי שוואַרציאָהרען; אַלדי רוחות.

דאָס פירוואָרט אַלע ווערט געבּרויכט נאָר אין דער מעהר־צאָהל און האָט פאָלגענדע בּויגונג: נאָמ. אַלע, גענ. אַלעמענס, דאַט. אַלעמען, אַקוז. אַלעמען.

אָנמערקונג: ווען אַלע האָט די בּעדייטונג פון יעדער, שטעהט דערבּיי דאָס הויפּטוואָרט אין דער אֵיינצאָהל, צ. בּ. אַלע טאָג (ד. ה. יעדען טאָג), אַלע יאָהר, אַלע שעה א. אַז. וו.

די פירווערטער אֵייניגע און עטליכע ווערען געבּרויכט נאָר אין דער מעהרצאָהל און בּלייבּען אונפערענדערט.

די פירווערטער וואָס, וואָסער א, וואָס פאַר אַ, ס'אַראַ, וויפיעל, אַליין, זעלבּסט, גופא, מען, אַלצדינג, גאָר, עטוואָס, עפּעס, קיין, קיין שום, גאָרנישט בּלייבּען אונפערענדערט.

22. דאָס צייטוואָרט.

(Das Werb, глаголъ, פֹּעַל).

דאָס צייטוואָרט בּעצייכענט די טהעטיגקייט, די האַנדלונג אָדער דעם צושטאַנד פון דעם געגענשטאַנד, ד. ה. עס בּעווייזט, וואָס דער געגענשטאַנד טהוט אָדער וואָס מיט איהם ווערט געטהאָן, צ. בּ. איך זיץ, איך שעץ, איך ווער געשעצט.

די צייטווערטער ווערען אֵיינגעטיילט אין אִיבּער־געהענדע (дѣйствительные), שטעהענדע (средніе), ווידער־

קעהרענדע (возвратные), אונפּערזענליכע (безличные) און הילפסצייטווערטער (вспомогательные).

די איבערגעהענדע צייטווערטער בעצייכענען אַ טהעטיגקייט, וואָס געהט איבער אויף אַנ׳אַנדער געגענשטאַנד. ביי די איבער-געהענדע צייטווערטער שטעהט געוועהנליך אַנ׳אָביעקט (дополненіе), וואָס ענטפערט אויף די פראַגען פונ׳ם אַקוזאַטיוו: וועמען? וואָס? צ. ב. שלאָגען (וועמען?) דעם פיינד; שרייבען (וואָס?) אַ בריף.

אָנמערקונג: ווען די איבערגעהענדע צייטווערטער ווערען געברויכט אַלס הויפּטווערטער, שטעהט דאָס אָביעקט אויף אינ׳ם אַקוזאַטיוו, און ניט אין דעם דאַטיוו מיט׳ן פּאָרוואָרט פון, צ. ב. דאָס אויפמאַהנען אַ חוב (אַנשטאָט: דאָס אויפמאָהנען פון אַ חוב), ביים עפענען די טהיר (אַנשטאָט: ביים עפענען פון דער טהיר) א. אז. וו.

די איבערגעהענדע צייטווערטער האָבען צוויי פאָרמען: די אַקטיווע פאָרם (форма дѣйствительная) און די פּאַסיווע פאָרם (форма страдательная).

די אַקטיווע פאָרם בעווייזט, אַז דער געגענשטאַנד גופא טהוט עפּעס, צ. ב. איך בעשרייב.

די פּאַסיווע פאָרם בעווייזט, אַז מיט דעם געגענשטאַנד ווערט עפּעס געטהאָן, צ. ב. איך ווער בעשריבען.

נאָך דער פּאַסיווער פאָרם שטעהט דאָס אָביעקט מיט די פּאָרווערטער דורך, פון אָדער מיט, צ. ב. איך בין צו אייך פון גאָט געשיקט; דאָס געלד איז אָבגעשיקט געוואָרען דורך מיר; די ערד איז בעדעקט מיט שניי.

די שטעהענדע צייטווערטער בעצייכענען אַ צושטאַנד אָדער אַ טהעטיגקייט, וואָס געהט ניט איבער אויף אַנ׳אַנדער געגענ-שטאַנד, נאָר וואָס בלייבט אויף דעם טהוער גופא; ביי די שטעהענדע צייטווערטער קען שטעהן קיין אָביעקט אויף די פראַגען וועמען? וואָס? צ. ב. געהן, לאַכען, שלאָפען, זיצען, לויפען א. אז. וו.

די ווידערקעהרענדע צייטווערטער בעצייכענען א טהעטיגקייט, וואָס געהט איבער אויפ'ן טהוער גופא, צ. ב. וואַשען זיך. זיי ווערען אָפט געבילדעט פון די איבערגעהענדע צייטווערטער, דורך דאָס צושטעלען צו זיי דאָס פירוואָרט זיך, אָהן וועלכען די ווידערקעהרענדע צייטווערטער ווערען בכלל ניט געברויכט.

די אונפערזענליכע צייטווערטער ווערען געברויכט נאָר אין דער דריטער פערזאָן פון דער איינצאָהל, צ. ב. עס רעגענט, עס שלעפערט מיך, עס האָט געשנייט.

די הילפסצייטווערטער ווערען געברויכט אויף צו בילדען געוויסע פאָרמען פון די צייטווערטער. זיי זענען פאָלגענדע: זיין, האָבען, ווערען, וועלען, פלעגען, וואָלטען, זאָלען, האַלטען.

23. די צייטפאָרמען, צאָהלפאָרמען, פערזאָנען און פאָרמען.

די צייטווערטער האָבען דריי צייטפאָרמען (זמנים, tempora, времена): די געגענוואָרט (זמן הוה, praesens, настоящее время), די פערגאַנגענהייט (זמן עבר, praeteritum, время прошедшее), און די צוקונפט (זמן עתיד, futurum, будущее время).

די געגענוואָרט בעווייזט, אז די טהעטיגקייט קומט פאָר איצט, צ. ב. איך שרייב.

די פערגאַנגענהייט בעווייזט, אז די טהעטיגקייט איז שוין פאָרגעקומען, צ. ב. איך האָב געשריבען.

די צוקונפט בעווייזט, אז די טהעטיגקייט וועט נאָך ערשט פאָרקומען, צ. ב. איך וועל שרייבען.

די צייטווערטער האָבען צוויי צאָהלפאָרמען: די איינ־צאָהל (וואָס בעווייזט, אַז די טהעטיגקייט בעציהט זיך אויף איין געגענשטאַנד, צ. ב. איך שרייב) און די מעהרצאָהל (וואָס בעווייזט, אַז די טהעטיגקייט בעציהט זיך אויף צוויי אָדער מעהר געגענ־שטאַנדען, צ. ב. מיר שרייבען); —

דריי פערזאָנען (גופים, persone, лица): די ערשטע (מְדַבֵּר בַּעֲדוֹ, первое лицо), ד. ה. די פערזאָן, וואָס רעדט, צ. ב. איך שרייב, די צווייטע (נוֹכַח, второе лицо), ד. ה. די פערזאָן, וועגען וועלכער מען רעדט, צ. ב. דו שרייבסט, און די דריטע (נִסְתָּר, третье лицо), ד. ה. די פערזאָן, וועגען וועלכער מען רעדט, צ. ב. ער שרייבט.

די פערזאָנען ווערען בעצייכענט דורך די פערזענליכע פיר־ווערטער (די דריטע פערזאָן קען אויך בעצייכענט ווערען דורך אַנדערע ווערטער, צ. ב. דאָס יונגעל שרייבט) און דורך בעזונדערע פאָרמען פאַר יעדער פערזאָן.

די צייטווערטער האָבען פיער פאָרמען (אופַנים, modi, наклоненія): די אונבעשטימטע פאָרם (אופַן הַמָקוֹר, Infinitiv, неопредѣленное наклоненіе), די בעשטימטע אופַן הַהֶחְלֵט, Inbicativ, изъявительное), די בעדינגונגספאָרם (Konditionalis, сослагательное) און די בעפעהלענדע (אופַן הַצִוּוּי, Imperativ, повелительное).

די אונבעשטימטע פאָרם איז ניט פערבונדען מיט פערזאָן און צייט און בעצייכענט בלויז דעם נאָמען פון דער טהעטיגקייט; אַלזאָ איז די אונבעשטימטע פאָרם די אָנפאַנגספאָרם פון די צייטווערטער, צ. ב. שרייבען, שלאָפען א. אַז. וו.

די בעשטימטע פאָרם בעצייכענט אַווירקליכע טהעטיגקייט, ד. ה. אַ טהעטיגקייט, וואָס קומט פאָר, וואָס איז פאָרגעקומען אָדער וואָס וועט פאָרקומען אין דער־אמת'ן, צ. ב. איך פאָהר, איך בין געפאָהרען, איך וועל פאָהרען.

די בעדינגונגספאָרם בעצייכענט אַ טהעטיגקייט, וואָס וואָלט

געקענט פאָרקומען ביי געוויסע בעדינגונגען, צ. ב. איך וואָלט פאָהרען (ווען איך וואָלט געהאַט צייט).

די בעפעהלענדע פאָרם דריקט אויס אַ בעפעהל אָדער אַ בקשה, צ. ב. געה, ברייננ.

24. דאָס מיטעלוואָרט.

(Participium, причастіе, בינוני)

מיטעלווערטער הייסען געוויסע צייטווערטליכע פאָרמען, וועלכע ווערען, ערשטענס, געברויכט אויף צו בילדען פערשידענע פאָרמען פון די צייטווערטער און, צווייטענס, — אַלס אייגענשאַפטסווערטער, צ. ב. דער קלינגענדער קול, דער אויסגעאַרבייטער פלאַן; — אומשטאַנדסווערטער, צ. ב. געהענדיג אין גאַס; — און זעלטען אויך אַלס הויפטווערטער, צ. ב. דעם פערשטאָרבענעמס צוואָה.

די צייטווערטער האָבען צוויי מיטעלווערטער: דאָס געגענווערטיגע מיטעלוואָרט (דאָס מיטעלוואָרט פון דער געגענוואַרט) און דאָס פערגאַנגענע מיטעלוואָרט (דאָס מיטעלוואָרט פון דער פערגאַנגענהייט).

דאָס געגענווערטיגע מיטעלוואָרט בעצייכענט, אַז די טהעטיגקייט איז נאָך ניט פערענדיגט — זי דויערט נאָך; דערביי האָט עס שטענדיג אַנ'אַקטיווישע בעדייטונג, צ, ב. דער בליהענדער בוים (דער בוים בליהט), די גליהענדע זון (די זון גליהט), דאָס בלאַנקענדע שווערד (דאָס שווערד בלאַנקט).

דאָס פערגאַנגענע מיטעלוואָרט בעצייכענט אַ פערענדיגטע טהעטיגקייט און האָט אַנ'אַקטיווישע בעדייטונג ביי די שטעהענדע צייטווערטער און אַ פאַסיווישע ביי די איבערגעהענדע, צ. ב. דער

צוגאַנגענער שנײ (דער שנײ איז צוגאַנגען), די אַנטלאָפענע טאָכטער (די טאָכטער איז אַנטלאָפען), דאָס אײַנגעפאַלענע הײַזעל (דאָס הײַזעל איז אײַנגעפאַלען); דער אָנגעצװיגענער זײגער (דער זײגער איז אָנגעצװיגען געװאָרען), די פערגעסענע געשיכטע (די געשיכטע איז פערגעסען געװאָרען), דאָס בעשטראָפטע קינד (דאָס קינד איז בעשטראָפט געװאָרען).

25. די בױגונג פון די צײַטװערטער.

די צײַטװערטער װערען געבױגט, ד. ה. זײ פערענדערן זיך לױט די פאָרמען, צײַטפאָרמען, פערזאָנען און צאָהלפאָרמען.

די אָנפאַנגספאָרם פון די צײַטװערטער איז די אונבעשטימטע פאָרם (דער אינפיניטיװ) װעלכע ענדיגט זיך אין אַלגעמײן אויף ען, צ. ב. שרײַבען, נעהמען, לױפען א. אַז. װ.

די צװײ-אָדער מעהרזילביגע צײַטװערטער אויף ער ענדיגען זיך אינ'ם אינפיניטיװ אויף ן, צ. ב. ציטער־ן, פלױדער־ן, פאָדער־ן, ענטפער־ן, קלעטער־ן א. אַז. װ. די אײנזילביגע אָבער ענדיגען זיך גאָב'ן כלל נאָך אויף ען, צ. ב. שװער־ען, קלער־ען, הער־ען, װער־ען א. אַז. װ.

אויסערדעם קענען אַרױסלאָזען דעם ע פאַר'ן ן אינ'ם אינפיניטיװ די צײַטװערטער גײן, שטײן, זײן, געשײן.

די צײַטװערטער, װאָס זענען גענומען פון העברעאיש, ענדיגען זיך אויף ען נאָר נאָך די קאָנסאָנאַנטען ל, מ און נ, ד. ה. דאַן, װען די גאַנצע ענדונג ען זאָגט זיך דײַטליך אויס, צ. ב. טובל'ען, פסל'ען, חלומ'ען, סמ'ען, שדכנ'ען, דרשנ'ען א. אַז. װ. אין אַלע איבעריגע פעלען נעהמען זײ אָן אינ'ם אינפיניטיװ די ענדונג ן, צ. ב. שמד'ן, משפט'ן, ממית'ן א. אַז. װ.

אײניגע צײַטװערטער, װאָס זענען גענומ־ן פון העברעאיש,

ענדיגען זיך אינ'ם אינפיניטיוו אויף ענען, צ. ב. הרג'ענען, גנב'ענען, חתמ'ענען, חנפ'ענען.

26. די בילדונג פון דער געגענווארט.

די ערשטע פערזאָן פון דער איינצאָהל בילדעט מען פונ'ם אינפיניטיוו, אָבוואַרפענדיג די ענדונג פונ'ם אינפיניטיוו ען אָדער ן, צ. ב. שרייבען — איך שרייב, זינגען — איך זינג, ציטערן — איך ציטער, געהן — איך געה, שמד'ן — איך שמד א. אַז. וו.

די צייטווערטער אויף עווען און די צייטווערטער, וואָס זענען גענומען פון רוסיש, וואַרפען ניט אָב אין דער ערשטער פערזאָן דעם ע פון דער ענדונג ען, צ. ב. ראַטעווען — איך ראַטעווע, שאַנעווען — איך שאַנעווע, בלאָנזשען — איך בלאָנזשע, סאָפען — איך סאָפע, הוליען — איך הוליע א. אַז. וו.

אין די צייטווערטער, וועלכע ענדיגען זיך אין דער ערשטער פערזאָן פון דער איינצאָהל אויף ע, ווערט די ענדונג ען אויסגעזאָגט דייטליך, צ. ב. איך סאָפע—סאָפען (אָבער: איך חאַפ—האַפען-חאַפן).

אין די פון העברעאיש גענומענע צייטווערטער אויף ענען בילדעט מען די ערשטע פערזאָן, אָבוואַרפענדיג נען, צ. ב. גנב'ענען — איך גנב'ע, חתמ'ענען — איך חתמ'ע א. אַז. וו. אַהער געהערט אויך דאָס צייטוואָרט קוילענען (קוילען): איך קוילע.

אַנמערקונג: פון די דאָזיגע צייטווערטער אויף ענען דאַרף מען אונטערשיידען די-יעניגע, וואָס, ענדיגענדיג זיך אויף ען, האָבען זיי פאַר דער דאָזיגער ענדונג אַ נ, וואָס געהערט אָבער ניט צו דער ענדונג פונ'ם אינפיניטיוו, צ. ב. דרשנ'ען, שדכנ'ען א. אַז. וו. אין די דאָזיגע צייטווערטער ווערט די ערשטע פערזאָן פון דער איינצאָהל געבילדעט נאָכ'ן כלל נאָך, צ. ב. דרשנ'ען — איך דרשן, שדכנ'ען — איך שדכן א. אַז. וו.

די איבריגע פערזאָנען פון דער געגענוואַרט בילדעט מען פון דער ערשטער, צוזעצענדיג צו איהר די ענדונג סט פאַר דער צווייטער פערזאָן פון דער איינצאָהל און די ענדונג ט פאַר דער דריטער פערזאָן פון דער איינצאָהל און פאַר דער צווייטער פון דער מעהרצאָהל; די ערשטע און דריטע פערזאָן פון דער מעהרצאָהל בלייבען גליך צום אינפיניטיוו.

אינפיניטיוו.			גלויבען,	ציטערן,	פועל'ן,	ראַטעווען,	גנב'ענען,	קוילענען,	סאַפּען,	הוליען,
איינצאָהל	1.	איך	גלויב,	ציטער,	פועל,	ראַטעווע,	גנב'ע,	קוילע,	סאַפּע,	הוליע,
"	2.	דו	גלויבסט,	ציטערסט,	פועל'סט,	ראַטעוועסט,	גנב'עסט,	קוילעסט,	סאַפּעסט,	הוליעסט,
"	3.	ער	גלויבט,	ציטערט,	פועל'ט,	ראַטעוועט,	גנב'עט,	קוילעט,	סאַפּעט,	הוליעט,
מעהרצאָהל	1.	מיר	גלויבען,	ציטערן,	פועל'ן,	ראַטעווען,	גנב'ענען,	קוילענען,	סאַפּען,	הוליען,
"	2.	איהר	גלויבט,	ציטערט,	פועל'ט,	ראַטעוועט,	גנב'עט,	קוילעט,	סאַפּעט,	הוליעט,
"	3.	זיי	גלויבען,	ציטערן,	פועל'ן,	ראַטעווען,	גנב'ענען,	קוילענען,	סאַפּען,	הוליען.

27. אַנמערקונגען צו דער בילדונג פון דער געגענוואַרט.

1. ווען פאַר דער ענדונג פון דעם אינפיניטיוו ען איז דאָ אַ ל, פאַר וועלכען עס שטעהט נאָך אַ קאָנסאָנאַנט, נעהמען דאַן אָן אַלע פערזאָנען פון דער איינצאָהל און די צווייטע פערזאָן פון דער מעהרצאָהל אַנ׳ע פאַר׳ן ל, הגם ער ווערט ניט דייטליך אויסגעזאָגט; די ערשטע און דריטע פערזאָן פון דער מעהרצאָהל בלייבען גלייך צום אינפיניטיוו, צ. ב. האַנדלען — איך האַנדעל, דו האַנדעלסט, ער האַנדעלט, מיר האַנדלען, איהר האַנדעלט, זיי האַנדלען; שאָקלען — איך שאָקעל, דו שאָקעלסט, ער שאָקעלט, מיר שאָקלען, איהר שאָקעלט, זיי שאָקלען.

2. די צייטווערטער, ביי וועלכע די גרונדפאָרם ענדיגט זיך אויף אַ ס אָדער אַ ז, נעהמען אָן אין דער צווייטער פערזאָן פון דער איינצאָהל די ענדונג ט אָנשטאָט סט, צ. ב. בייסען — בייס — דו בייסט; רייסען — רייס — דו רייסט; שיסען — שיס — דו שיסט; בלאָזען — בלאָז — דו בלאָזט, מוזען — מוז — דו מוזט, לאָזען — לאָז — דו לאָזט.

אָבער די צייטווערטער מיט דער גרונדפאָרם אויף צ, ש, (טש) נעהמען דורכאויס אָן די ענדונג סט, הגם דער ס ווערט ניט דייטליך אויסגעזאָגט, צ. ב. זיצען — זיץ — דו זיצסט; וואַשען — וואַש — דו וואַשסט; פאַטשען — פאַטש — דו פאַטשסט.

3. ווען דאָס פירוואָרט דו שטעהט נאָכ׳ן צייטוואָרט, ווערט עס צוזאַמענגעגאָסען מיט׳ן צייטוואָרט און לאָזט דערביי אַרויס דעם ד פון דו, צ. ב. וואָס מאַכסטו? (אָנשטאָט: וואָס מאַכסט דו?), וואוהין לויפסטו? (אָנשטאָט: וואוהין לויפסט דו?),

4. די צייטווערטער מיט דער גרונדפאָרם אויף אַ ד, האַלטען איהם אין אַלע פערזאָנען, ווען ער ווערט אפילו ניט אויסגעזאָגט,

צ. ב. שניידען — שנייד — דו שניידסט, ער שניידט ; ליידען — לייד — דו ליידסט, ער ליידט.

5. די ציישוואָרטער מיט דער גרונדפאָרם אויף א ט, נעהמען ניט אָן קיין שום ענדונג אין דער דריטער פערזאָן פון דער איינצאָהל און אין דער צווייטער פון דער מעהרצאָהל, צ. ב. בעטען — בעט — ער, איהר בעט ; היטען — היט — ער, איהר היט ; אַרבייטען — אַרבייט — ער, איהר אַרבייט ; וואַרטען — וואַרט — ער, איהר וואַרט ; משפט'ן — משפט — ער, איהר משפט.

6. איינינע, נאָך ניט קיין פעריודישטע ציישוואָרטער מיט דער גרונדפאָרם אויף א ד אָדער א ט נעהמען אָן אין דער צווייטער פערזאָן פון דער איינצאָהל די ענדונג עסט, אין דער דריטער פערזאָן פון דער איינצאָהל און אין דער צווייטער פון דער מעהרצאָהל די ענדונג עט, צ. ב. בילדען — בילד — דו בילדעסט — ער בילדעט ; גרינדען — גרינד — דו גרינדעסט — ער גרינדעט ; הייראַטען — הייראַט — דו הייראַטעסט — ער הייראַטעט.

7. אויסערדעם נעהמען ניט אָן די ענדונג ט אין דער דריטער פערזאָן פון דער איינצאָהל די פאָלגענדע 9 ציישוואָרטער: דאַרפען, קענען (קאָנען), מעגען (אָבער פערמעגען — ער פערמעגט) מוזען, זאָלען, וועלען, וויסען, טויגען, טאָרען — ער דאַרף, ער קען א. אז. וו.

אָבער די צווייטע פערזאָן פון דער מעהרצאָהל נעהמט יאָ אָן די ענדונג ט אין די דאָזיגע ציישוואָרטער — איהר דאַרפט, איהר קענט א. אז. וו.

8. אונרעגעלמעסיג ווערט געבילדעט די געגענוואַרט פון די ציישוואָרטער וועלען, וויסען, געבען, טהאָן: איך וויל, דו ווילסט, ער וויל, מיר ווילען, איהר ווילט, זיי ווילען ; איך ווייס, דו ווייסט, ער ווייס, מיר ווייסען, איהר ווייסט, זיי ווייסען ; איך גיב, דו גיסט, ער גיט, מיר גיבען, איהר גיט, זיי גיבען ; איך טהו, דו טהוסט, ער טהוט, מיר טהוע איהר טהוט, זיי טהוען.

9. די צייטווערטער געהן, שטעהן, זעהן, טהאָן נעהמען צו אין דער ערשטער און דער דריטער פּערזאָן פון דער מעהר־צאָהל אַנ׳ ע פאַר דער ענדונג ן: מיר, זיי געהען, שטעהען, זעהען, טהוען.

28. די בּעפעהלענדע פאָרם.

די בּעפעהלענדע פאָרם האָט ניט די ערשטע פּערזאָן פון דער איינצאָהל; די צווייטע פּערזאָן פון דער איינצאָהל איז גלייך צו דער ערשטער פּערזאָן פון דער בּעשטימטער פאָרם, צ, בּ. גלויבּ, ציטער, פּועל, גנב׳ע, ראַטעווע א. אַז. וו. די צווייטע פּערזאָן פון דער מעהרצאָהל איז גלייך צו דער צווייטער פּערזאָן פון דער בּעשטימטער פאָרם, צ. בּ. גלויבּט, ציטערט, פּועל׳ט, גנב׳עט, ראַטעוועט, היט א. אַז. וו. די דריטע פּערזאָן פון בּיידע צאָהל־פאָרמען ווערט געבּילדעט פון דעם הילפסצייטוואָרט זאָלען און פון דעם אינפיניטיוו, צ. בּ. זאָל ער געהן, זאָלען זיי געהן. די ערשטע פּערזאָן פון דער מעהרצאָהל ווערט געבּילדעט פון לאָמיר און פון דעם אינפיניטיוו, צ. בּ. לאָמיר געהן.

אָנמערקונג: אויך די צווייטע פּערזאָן פון בּיידע צאָהל־פאָרמען קען געבּילדעט ווערען מיט דעם הילפסצייטוואָרט זאָלען, צ. בּ. זאָלסט געהן, איהר זאָלט געהן.

29. די בויגונג פון דעם הילפסציטווארט זיין.

די בעשטימטע פארם.

די געגענווארט.

1.	איך	בין
2.	דו	ביסט
3.	ער	איז
1.	מיר	זענען (זיינען)
2.	איהר	זענט (זייט)
3.	זיי	זענען (זיינען)

די פערגאנגענהייט:

די געוועהנליכע. (— געוועזן אָדער געווען.)

1.	איך	בין
2.	דו	ביסט
3.	ער	איז
1.	מיר	זענען (זיינען)
2.	איהר	זענט (זייט)
3.	זיי	זענען (זיינען)

די פיעלמאליגע. (— זיין.)

1.	איך	פלעג
2.	דו	פלעגסט
3.	ער	פלעגט
1.	מיר	פלעגען
2.	איהר	פלעגט
3.	זיי	פלעגען

די צוקונפט. (— זיין.)

1.	איך	וועל
2.	דו	וועסט
3.	ער	וועט
1.	מיר	וועלען
2.	איהר	וועט
3.	זיי	וועלען

די בעדינגונגספארם. (— זיין אָדער געוועזן (געווען).)

1.	איך	וואָלט
2.	דו	וואָלסט
3.	ער	וואָלט
1.	מיר	וואָלטען
2.	איהר	וואָלט
3.	זיי	וואָלטען

די בעפעהלענדע פארם.

—
זיי
זאָל ער זיין
לאָמיר זיין
זענט (זייט)
זאָלען זיי זיין.

דער אינפיניטיוו:

זיין.

דאס געגענווערטיגע מיטעלווארט:

זענענדיג (זייענדיג).

דאס פערגאנגענע מיטעלווארט:

געוועזן (געווען).

30. די בּיגונג פון דעם הילפסציימוואָרט האָבּען.

די בּעשטימטע פאָרם.

די געגענוואַרט.

1. איך האָבּ
2. דו האָסט
3. ער האָט
1. מיר האָבּען
2. איהר האָט
3. זיי האָבּען.

די פערגאַנגענהייט:

די געוועהנליכע.

איך האָבּ	געהאַט.
דו האָסט	
ער האָט	
מיר האָבּען	
איהר האָט	
זיי האָבּען	

די פיעלמאָליגע

איך פלעג	האָבּען.
דו פלעגסט	
ער פלעגט	
מיר פלעגען	
איהר פלעגט	
זיי פלעגען	

די צוקונפט.

איך וועל	האָבּען.
דו וועסט	
ער וועט	
מיר וועלען	
איהר וועט	
זיי וועלען	

די בּעדינגונגספאָרם.

1. איך וואָלט	האָבּען אָדער געהאַט.
2. דו וואָלסט	
3. ער וואָלט	
1. מיר וואָלטען	
2. איהר וואָלט	
3. זיי וואָלטען	

די בּעפעהלענדע פאָרם.

—

האָבּ

זאָל ער האָבּען

לאָמיר האָבּען

האָט

זאָלען זיי האָבּען.

דער אינפיניטיוו:

האָבּען.

דאָס געגענוואַרטיגע מיטעלוואָרט:

האָבּענדיג.

דאָס פערגאַנגענע מיטעלוואָרט:

געהאַט.

31. די בילדונג פון די מיטעלווערטער.

דאָס געגענווערטיגע מיטעלוואָרט בילדעט מען פון דעם אינפיניטיוו מיט דער ענדונג ד אָדער דיג, צ. ב. רוישען — רוישענד — רוישענדיג, בעטען — בעטענד — בעטענדיג, קלעטערן — קלעטערנד — קלעטערנדיג.

אָנמערקונג: אין די געגענווערטיגע מיטעלווערטער פון די צייטווערטער געהן, שטעהן, זעהן ווערט צוריקגעשטעלט דער ע פאַר דער ענדונג פונ'ם אינפיניטיוו ן: געהענדיג, שטעהענדיג, זעהענדיג.

דאָס געגענווערטיגע מיטעלוואָרט פון טהאָן, איז טהוענדיג, פון וועלען — וועלענדיג אָדער ווילענדיג.

אַלם אומשטאַנדסווערטער ענדיגען זיך די געגענווערטיגע מיטעלווערטער זעלטען אויף ד, כמעט שטענדיג אָננעהמענדיג די ענדונג דיג, צ. ב. שרייבענדיג, רייסענדיג, געהענדיג, לויפענדיג.

אַלם אייגענשאַפטסווערטער אָבער ווערען זיי געברויכט אַזוי זוי מיט דער ענדונג ד אַזוי אויך מיט דער ענדונג דיג, צ. ב. רייסענדער און רייסענדיגער, געהענדער און געהענדיגער, לויפענדער און לויפענדיגער, קלינגענדער און קלינגענדיגער א. אַ. וו.

מען דאַרף אָבער בעמערקען, אַז אין דעם לעצטען פאַל בעהמען זיי אָפטער אָן די ענדונג ד, און אָננעהמענדיג די ענדונג דיג, לאָזען זיי אָפט אַרוים דעם ן פון דעם אינפיניטיוו, צ. ב. א שווייגעדיגער א. אַז. וו.

דאָס פערגאַנגענע מיטעלוואָרט ווערט געבילדעט פון דער דריטער פערזאָן פון דער איינצאָהל אין דער געגענוואַרט מיט דער פאָרזילבע גע, צ. ב. גלויבען — ער גלויבט — געגלויבט, פועל'ן — ער פועל'ט—געפועלט, ראַטעווען—ער ראַטעוועט—געראַטעוועט, גנב'ענען — ער גנב'עט — גע'גנב'עט, היטען — ער היט—געהיט, בילדען — ער בילדעט — געבילדעט א. אַז. וו.

די צייטווערטער דאַרפֿען, קענען, מעגען, מוזען, זאָלען, וועלען, ווײסען, טױגען, טאָרען נעהמען אָן אין דעם פֿערגאַנגענעם מיטעלוואָרט די ענדונג ט: דאַרפֿען — ער דאַרף — געדאַרפֿט, קענען — ער קען — געקענט א. אַז. וו.

דאָס רוב צייטווערטער אויף ירען נעהמען ניט אָן אין דעם פֿערגאַנגענעם מיטעלוואָרט די פּאָרזילבע גע, צ. ב. אַרעסטירען — אַרעסטירט, טעלעגראַפֿירען — טעלעגראַפֿירט, שפּאַצירען — שפּאַצירט א. אַז. וו.

אין די פֿאָלגענדע צייטווערטער ווערט דאָס פֿערגאַנגענע מיטעלוואָרט געבילדעט פֿון דעם אינפֿיניטיוו; דערבײ פֿערענדערט דער גרעסטער טײל פֿון זײ די שטאַמוואָקאַלען:

איינלאַדען — איינגעלאַדען, אָנוועהרען — אָנגעוואָהרען, באָדען — געבאָדען, באָטען — געבאָטען, באַקען — געבאַקען און געבאַקט, באַרשטען — געבאָרשטען, בױגען — געבױגען און געבױגט, בײטען — געביטען, בײסען — געביסען, בילען — געבולען און געבילט, בינדען — געבונדען, בלאָזען — געבלאָזען, בלײבען — געבליבען, בעוועגען (побуждать) — בעוואױגען (אָבער בעוועגען (двигать) — בעוועגט), בעטען — געבעטען (אָבער בעטען (стлать) — געבעט), בעפֿעהלען — בעפֿוילען, בראָטען — געבראָטען, ברעכען — געבראָכען, גילטען — געגאָלטען, גיסען — געגאָסען, גלײבען — געגליבען און געגלײבט, געבאָרען — געבאָרען, געבען — געגעבען, געהן — געגאַנגען, געווינען — געוואונען, געלינגען — געלונגען, געניסען — גענאָסען, גענינען — געפֿונען, געפֿעלען — געפֿעלען, געראָטען — געראָטען, געשעה(ע)ן — געשעה(ע)ן, גראָבען — געגראָבען, גרײפֿען — געגריפֿען און געגרײפֿט, דינגען — געדונגען, דרינגען — געדרונגען, דרעשען — געדראָשען, האַלטען — געהאַלטען, הױבען — געהױבען, הײסען — געהײסען, הינקען — געהונקען, העלפֿען — געהאָלפֿען, הענגען — געהאַנגען, וואַקסען — געוואַקסען, וואַרפֿען — געוואָרפֿען, וואַשען — געוואַשען, ווײזען — געוויזען, ווינקען — געוואונקען, ווינשען — געוואונשען, וויגען — געוואױגען און גע-

זועגט , וועטען (זיך) — געוואָטען , ווערבען — געוואָרבען , ווערגען —
געוואָרגען , ווערען — געוואָרען , זאַלצען — געזאַלצען און געזאַלצט ,
זויגען — געזויגען און געזויגט , זויפען — געזויפען און געזויפט ,
זידען — געזאָדען , זינגען — געזונגען , זינקען — געזונקען , זיצען —
געזעסען , זעה(ע)ן — געזעה(ע)ן , טהאָן — געטהאָן (אין דער פאָל־
שטענדיגער פאָרם פערדאָפּעלט עס די ענדונג ען : געטהאָנענער ,
אָנגעטהאָנענער , איבערגעטהאָנענער) טראָגען — געטראָגען ,
טרייבען — געטריבען , טרינקען — געטרונקען , טרעטען — גע־
טראָטען , טרעפען — געטראָפען , לאָדען — געלאָדען , לאָזען —
געלאָזען און געלאָזט , לויפען — געלאָפען , ליידען — געליטען ,
לייהען — געליהען , לייכטען — געלויכטען , לינקען — געלונקען ,
ליעגען — געלעגען , לעזען — געלעזען און געלעזט , לעשען —
געלאָשען , מאָהלען (молоть) — געמאָהלען און געמאָהלט (אָבער
מאָלען (красить) — געמאָלט) , מיידען — געמיטען און געמיידט ,
מעלדען — געמאָלדען און געמעלדעט , מעלקען — געמאָלקען און
געמעלקט , מעסטען — געמאָסטען , ניסען — גענאָסען , נעהמען —
גענומען , עסען — געגעסען , ערפינדען — ערפונדען , ערשיינען —
ערשינען און ערשיינט , פאָהרען — געפאָהרען , פאַלען — געפאַלען ,
פאַנגען — געפאַנגען , פליהען — געפלויגען , פליסען — געפלאָסען ,
פלעכטען — געפלאָכטען , פערבאָרגען (בעהאַלטען) — פערבאָרגען
(אָבער פערבאָרגען (אָבגעבען אויף באָרג) — פערבאָרגט) , פער־
גינען — פערגונען , פערגעסען — פערגעסען , פערדאַרבען — פער־
דאָרבען , פערדריסען — פערדראָסען , פערלירען — פערלאָרען , פרי־
רען — געפראָרען , פרעסען — געפרעסען , צווינגען — געצוואונגען ,
ציהען — געצויגען , צינדען — געצונדען , קוועלען — געקוואָלען ,
קומען — געקומען , קלייבען — געקליבען , קלינגען — געקלונגען ,
קנייפען — געקניפען און געקנייפט , קנעטען — געקנאָטען , קריגען —
געקריגען און געקראָגען (אָבער קריגען זיך — געקריגט זיך) , קריכען —
געקראָכען , ראַטען — געראַטען און געראַט , רופען — גערופען ,
רייבען — געריבען , רייטען — געריטען , רייסען — געריסען , רינען —

גערונען , שאָבען — געשאָבען , שאַפען (творить) — געשאַפען (אָבער שאַפען (доставать) — געשאַפט) , שווייגען — געשוויגען , שווימען — געשוואומען , (פער)שווינדען — (פער)שוואונדען , שוועלען — געשוואָלען , שווערען — געשוואָרען , שטאַרבען — געשטאָרבען , שטויסען — געשטויסען , שטייגען — געשטיגען און געשטייגט , שטעהן — געשטאַנען , שטעכען — געשטאָכען , שטרייטען — געשטריטען , שטרייכען — געשטריכען און געשטרייכט , שיטען — געשאָטען , שילטען — געשאָלטען , שינדען — געשונדען , שיסען — געשאָסען , שלאָגען — געשלאָגען , שלאָפען — געשלאָפען , שלייפען — געשליפען און געשלייפט , שלינגען — געשלונגען , שליסען — געשלאָסען , שמייסען — געשמיסען , שמעלצען — געשמאָלצען , שניידען — געשניטען , שעכטען — געשאָכטען , שענקען — געשאָנקען און געשענקט , שערען — געשאָרען , שפּאַלטען — געשפּאָלטען , שפּייען — געשפּיגען און געשפּייט , שפּינען — געשפּונען און געשפּינט , שפּרעבען — געשפּראָכען , שפּרינגען — געשפּרונגען , שרייבען — געשריבען , שרייען — געשריען , שרעקען — געשראָקען .

פאָלגענדע ציימווערטער בילדען דאָס פערגאַנגענע מיטעלוואָרט אונרעגעלמעסיג : ווילען — געוואָלט , וויסען — געוואוסט , ברינגען — געבראַכט .

32. די בילדונג פון די צוזאַמענגעזעצטע צייטווערטליכע פאָרמען.

א) די פערגאַנגענהייט.

די פערגאַנגענהייט האָט צוויי פאָרמען : די געוועהנליכע פאָרם און די פיעלמאָליגע.

די געוועהנליכע פאָרם פון דער פערגאַנגענהייט ווערט צוזאַמענגעשטעלט פון דער געגענוואַרט פון האָבען אָדער זיין און פון דעם פערגאַנגענעם מיטעלוואָרט פון דעם געבויגטען צייטוואָרט, צ. ב. איך האָב געקויפט, דו האָסט געקויפט א. אַז. וו., לויפען — איך בין געלאָפען, דו ביסט געלאָפען א. אַז. וו.

דאָס רוב צייטווערטער ווערען געבויגט מיט דעם הילפסצייטוואָרט האָבען; מיט זיין ווערען געבויגט נאָר די צייטווערטער, וועלבע בעצייכענען אַ בעוועגונג פון איין אָרט צום אַנדערן, ווי, צ. ב. לויפען, פאַלען, געהן, פאָהרען, און נאָך איינינע שטעהענדע צייטווערטער, ווי, שטאַרבען, איינשלאָפען.

אַנמערקונג: עס איז ערשינען, אָבער: עס האָט ערשיינט; עס איז געשטיגען, אָבער: עס האָט געשטיינט.

די פיעלמאָליגע פאָרם בעצייכענט אַ האַנדלונג, וואָס האָט זיך פיעל מאָל איבערגע׳חזר׳ט; זי ווערט צוזאַמענגעשטעלט פון דעם הילפסצייטוואָרט פלעגען און פון דעם אינפיניטיוו פון דעם געבויגטען צייטוואָרט, צ. ב. איך פלעג קויפען, דו פלעגסט קויפען א. אַז. וו. איך פלעג פאַלען, דו פלעגסט פאַלען א. אַז וו.

ב) די צוקונפט.

די צוקונפט ווערט צוזאַמענגעשטעלט פון דעם הילפסצייטוואָרט וועלען און פון דעם אינפיניטיוו פון דעם געבויגטען צייטוואָרט, צ. ב. איך וועל קויפען, דו וועסט קויפען א. אַז. וו. איך וועל פאַלען, דו וועסט פאַלען א. אַז. וו.

ג) די לאַנגפערגאַנגענהייט און די צווייטע צוקונפט.

אויסערדעם האָט די בעשטימטע פאָרם פון די צייטווערטער נאָך צוויי צייטפאָרמען: די לאַנגפערגאַנגענהייט און די צווייטע צוקונפט.

די לאַנגפערגאַנגענהייט ווערט זעהר זעלטען געברויכט אַנשטאָט דער פערגאַנגענהייט, אום דייטליכער צו בעשטימען, אַז אַ געוויסע האַנדלונג האָט זיך פערענדיגט, איידער ס'איז פאָרגעקומען אַ צווייטע האַנדלונג, וועלכע איז שוין אויך פאָריבער, צ. ב. אַז איך האָב געהאַט בעקומען (אַנשטאָט: אַז איך האָב בעקומען) דיין בריעף, האָב איך איהם גלייך אַוועקגעטראָגען צו דיינע עלטערן די ביזט געקומען, אַז איך בין שוין געווען אַוועקגעגאַנגען אָפטער אָבער ווערט די לאַנגפערגאַנגענהייט געברויכט, אום צו בעצייכענען, אַז אַ געוויסע האַנדלונג האָט זיך ניט פערענדיגט אָדער זי האָט ניט דערגרייכט איהר ציעל און האָט אָבגעטראָטען איהר אָרט אַ צווייטער האַנדלונג, וועלכע איז פאָרגעקומען שפּעטער, צ. ב. איך האָב עס שוין געהאַט אָנגעגרייט, נאָר איך האָב עס פערגעסען; ער איז שוין געוועזען אויפגעשטאַנען, נאָר ער האָט זיך ווידער געלעגט.

די לאַנגפערגאַנגענהייט ווערט צוזאַמענגעשטעלט פון דער געוועהנליכער פערגאַנגענהייט פון די הילפסצייטווערטער האָבען אָדער זיין און פון דעם פערגאַנגענעם מיטעלוואָרט פון דעם גע־בויגטען צייטוואָרט, צ. ב. איך האָב געהאַט געקויפט, דו האָסט געהאַט געקויפט א. אַז. וו. איך בין געווען אַוועקגעגאַנגען, דו ביזט געווען אַוועקגעגאַנגען א. אַז. וו.

די צווייטע צוקונפט ווערט זעהר זעלטען געברויכט אַנשטאָט דער צוקונפט, אום דייטליכער צו בעשטימען, אַז אַ געוויסע האַנדלונג וועט זיך פערענדיגען פריהער, איידער ס'וועט פאָרקומען אַ צווייטע האַנדלונג צ. ב. אַז איך וועל האָבען בעקומען (אַנשטאָט אַז איך וועל בעקומען) דיין בריף, וועל איך איהם אַוועק־

טראָגען צו דיינע עלטערן; אז דו וועסט קומען צו מיר, וועל איך שוין זיין אוועקגעגאַנגען.

די צווייטע צוקונפט ווערט צוזאַמענגעשטעלט פון דער צוקונפט פון די הילפסצייטווערטער האָבען אָדער זיין און פון פערגאַנגענעם מיטעלוואָרט פון דעם געבויגטען צייטוואָרט, צ. ב. איך וועל האָבען געקויפט, דו וועסט האָבען געקויפט א. אַז. וו. איך וועל זיין אַוועקגעגאַנגען, דו וועסט זיין אַוועקגעגאַנגען א. אַז. וו.

ד) די בעדינגונגספאָרם.

די בעדינגונגספאָרם האָט צוויי פאָרמען, וועלכע ווערען אָהן אַ'אונטערשייד געבּרויכט פאַר אַלע דריי צייטפאָרמען, זיי ווערען צוזאַמענגעשטעלט פון דעם הילפסצייטוואָרט וואָלטען און פון דעם אינפיניטיוו אָדער פערגאַנגענעם מיטעלוואָרט פון דעם געבויגטען צייטוואָרט, צ. ב. שיקען — איך וואָלט שיקען אָדער איך וואָלט געשיקט (איצט, נעכטען, מאָרגען), דו וואָלסט שיקען אָדער דו וואָלסט געשיקט א. אַז. וו.

די בעדינגונגספאָרם ווערט געוועהנליך געברויכט אין די בעדינגונגסזאַצען, וועלכע בעצייכענען די בעדינגונג, ביי וועלכער עס וואָלט געקענט פאָרקומען אַ געוויסע האַנדלונג, וועלכע ווערט געשטעלט אין דעם הויפּטזאַץ אויך אין דער בעדינגונגספאָרם, צ. ב. ווען איך וואָלט געהאַט (אָדער האָבען) צייט, וואָלט איך דיר אָנגעשריבען (אָנשרייבען) אַ גענויערן בריף.

אָנשטאָט דעם הילפסצייטוואָרט וואָלטען מיט דעם אינפיניטיוו אָדער פערגאַנגענעם מיטעלוואָרט, קען אין דעם בעדינגונגסזאַץ שטעהן דאָס הילפסצייטוואָרט זאָלען מיט'ן אינפיניטיוו, צ. ב. יוען אַלע מענשען זאָלען ציהען (אָנשטאָט וואָלטען ציהען אָדער וואָלטען געצויגען) אויף איין זייט, וואָלט זיך די וועלט איבערגעקעהרט.

ווען די האַנדלונג פון דעם בעדינגונגסזאַץ איז אַ פערגאַנגענע ניט נאָר בכלל, אָבער אויך בנוגע צו דער האַנדלונג פון דעם הויפּטזאַץ, קען דאַן געשטעלט ווערען ביים הילפסוואָרט זאָלען דאָס פערגאַנגענע מיטעלוואָרט פון זיין — געוועזען אָדער געוועזען, צ. ב. אז דוד המלך זאָל געוועזען וויסען (אַנשטאָט וואָלט וויסען אָדער געוואוסט), צו וועמען אין די הענד זיין תהלים'ל וועט אריינפאַלען, וואָלט ער עס, גאַנץ זיכער, ניט געמאַכט.

אָפטמאָל דריקט די בעדינגונגספאָרם אויס ניט קיין בעדינגונג, נאָר אַ בעדויערונג, וואָס די האַנדלונג קומט ניט פאָר און אַ פערלאַנג, זי זאָל פאָרקומען, צ. ב. וואָלט אַ דונער איינמאָל חאָטש אַ קלאַפּ געגעבען!

ווען די בעדינגונגספאָרם דריקט אויס אַ פראַגע אָדער אַ בעדויערונג, וואָס די האַנדלונג איז ניט פאָרגעקומען, ווערט אַנשטאָט דעם הילפסצייטוואָרט וואָלטען געברויכט דאָס צייטוואָרט האַלטען מיט'ן אינפיניטיוו, צ. ב. האַלט איך פאָהרען, האַלסטו פאָהרען, האַלט ער פאָהרען, האַלטען מיר פאָהרען, האַלט איהר פאָהרען, האַלטען זיי פאָהרען.

33. די פאַסיווע פאָרמען.

די פאַסיווע פאָרמען פון די צייטווערטער ווערען געבילדעט פון זייערע פערגאַנגענע מיטעלווערטער מיט דער הילף פון ווערען און זיין: די פאָרמען מיט ווערען בעצייכענען אַן אָנגעהויבענע אָדער אַ פערענדיגטע האַנדלונג, די פאָרמען מיט זיין אַ דויערנדע האַנדלונג.

ביישפּיעל:

די בעשטימטע פאָרם.

די געגענוואָרט.

איך ווער פערקויפט,	איך בין פערקויפט.
דו ווערסט פערקויפט א. אז. וו.	דו ביסט פערקויפט א. אז. וו.

די פערגאנגענהייט:

די געוועהנליכע.

איך בין געוואָרען פערקויפט,	איך בין געוועזען פערקויפט,
דו ביסט געוואָרען פערקויפט א. אז. וו.	דו ביסט געוועזען פערקויפט א. אז. וו.

די פיעלמאָליגע.

איך פלעג פערקויפט ווערען,	איך פלעג פערקויפט זיין,
דו פלעגסט פערקויפט ווערען א. אז. וו.	דו פלעגסט פערקויפט זיין א. אז. וו.

די צוקונפט.

איך וועל פערקויפט ווערען.	איך וועל פערקויפט זיין,
דו וועסט פערקויפט ווערען א. אז. וו.	דו וועסט פערקויפט זיין א. אז. וו.

די בעדינגונגספאָרם.

איך וואָלט פערקויפט ווערען,	איך וואָלט פערקויפט זיין,
דו וואָלסט פערקויפט ווערען א. אז. וו.	דו וואָלסט פערקויפט זיין א. אז. וו.

אָדער:

איך וואָלט פערקויפט געוואָרן, איך וואָלט פערקויפט געווען,
דו וואָלסט פערקויפט געוואָרן א. אז. וו. דו וואָלסט פערקויפט געוען א. אז. וו.

די בעפעהלענדע פאָרם.

ווער פערקויפט, זיי פערקויפט,
זאָל ער פערקויפט ווערען א. אז. וו. זאָל ער פערקויפט זיין א. אז. וו.

דער אינפיניטיוו.

פערקויפט ווערען. פערקויפט זיין.

דאָס געגענווערטיגע מיטעלוואָרט.

פערקויפט ווערענדיג. פערקויפט זייענדיג.

דאָס פערגאַנגענע מיטעלוואָרט.

פערקויפט געוואָרען. פערקויפט געווע(זע)ן.

אַנמערקונג 1: די פאַסיווע געגענוואַרט, וואָס איז געבילדעט מיט זיין, בעצייכענט אייגענטליך

א האנדלונג, וועלכע איז שוין פארגעקומען פון פריהער, אבער וועלכע דויערט נאך אויך אין דער געגענוואַרט, צ. ב. איך בין פערקויפט.

אנמערקונג 2: ניט אלע צייטווערטער האבען אלע פאסיווע פאָרמען; ווען דאס צייטוואָרט גופא בעצייכענט, צום בייספיעל, א פערענדיגטע האנדלונג, האט עס שוין ניט די פאָרמען מיט זיין, צ. ב. גע'הרג'עט ווערען — קען ניט האבען די פאָרמען: איך בין גע'הרג'עט, איך בין גע'הרג'עט געוועזען, איך פלעג גע'הרג'עט זיין, איך וועל גע'הרג'עט זיין.

אנמערקונג 3: די שטעהענדע צייטווערטער קענען געבראוכט ווערען אין פאסיוו נאָר אונפערזענליך, ד. ה. אין דער דריטער פערזאָן פון דער איינצאָהל, צ. ב. עס ווערט געגאנגען, עס זאל געגאנגען ווערען!

אנמערקונג 4: איינעגע צייטווערטער ווערען געבויגט מיט ווערען, ניט האבענדיג דערביי קיין דייטליך פאסיווישע בעדייטונג, צ. ב. אנטשוויגען ווערען, איך ווער אנטשוויגען, איך בין אנטשוויגען געוואָרען, איך וועל אנטשוויגען ווערען א. אז. וו. איבערהויפט ווערען אזעלכע צייטווערטער געבראוכט אין דער געוועהנליכער פערגאנגענהייט, צ. ב. איך בין אנטלאָפען געוואָרען (אנשטאָט: איך בין אנטלאָפען).

---

34. די בייגונג פון די צייטווערטער מיט'ן פירוואָרט זיך.

אין די צייטווערטער מיט'ן בײוואָרט זיך ווערט געבויגט נאָר דאס צייטוואָרט, דאס פירוואָרט זיך אבער בלייבט אונפערענדערט.

פֿאַר אַלע פּערזאָנען און שטעהט אין די איינפֿאַכע פֿאָרמען נאָכ׳ן ציייטוואָרט, אין די צוזאַמענגעזעצטע — צווישען די פֿאָרמען פֿון די הילפֿסציייטווערטער און דעם געגעבענעם צייטוואָרט.

ביישפּיעל:

די בעשטימטע פֿאָרם.

די געגענוואַרט.	די פֿערגאַנגענהייט:		די צוקונפֿט.
	די געוועהנליכע.	די פּיעלמאָליגע.	
איך וואַש זיך,	איך האָב זיך געוואַשען,	איך פֿלעג זיך וואַשען,	איך וועל זיך וואַשען,
דו וואַשסט זיך א. אז. וו.	דו האָסט זיך געוואַשען א. אז. וו.	דו פֿלעגסט זיך וואַשען א. אז. וו.	דו וועסט זיך וואַשען א. אז. וו.

די בעדינגונגספֿאָרם.		די בעפֿעהלענדע פֿאָרם.	דער אינפֿיניטיוו.
איך וואָלט זיך וואַשען (אָדער געוואַשען),		וואַש זיך,	וואַשען זיך
דו וואָלסט זיך וואַשען (אָדער געוואַשען) א. אז. וו.	זאָל ער זיך וואַשען א. אז. וו.		

דאָס געגענווערטיגע מיטעלוואָרט.	דאָס פֿערגאַנגענע מיטעלוואָרט.
וואַשענדיג זיך.	געוואַשען זיך.

אָנמערקונג: די ערשטע און צווייטע פּערזאָן פֿון דער איינצאָהל און די צווייטע פֿון דער מעהרצאָהל קענען אָנשטאָט זיך אָנגעהמען דעם אַקוזאַטיוו (אָדער דעם דאַטיוו) פֿון די פּערזענליכע פֿירווערטער, צ. ב. איך וואַש מיך, דו וואַשסט דיך, איהר וואַשט אייך; איך שטעל מיר פֿאָר, דו שטעלסט דיר פֿאָר, איהר שטעלט אייך פֿאָר,

35 די צייטווערטער, וואָס זענען געבילדעט מיט דער הילף פונ'ם צייטוואָרט טהאָן.

אויף צו בעצייכענען די געשווינדקייט, האַסטיגקייט און אויך די ניט־דויערהאַפטקייט פון דער טהעטיגקייט ווערען געברויכט בעזונדערע צייטווערטליכע פאָרמען, וועלכע מען בילדעט פון דער גרונדפאָרם פון דעם געגעבענעם צייטוואָרט און פון די פאָרמען פונ'ם צייטוואָרט טהאָן, צ. ב. אַ פאַל טהאָן, אַ חאַפּ טהאָן א. אַז. וו.

דערביי ווערט די גרונדפאָרם פונ'ם צייטוואָרט געברויכט אַזוי ווי אַלס אַ הויפטוואָרט און דעריבער שטעהט זי מיט'ן אונבעשטימטען אַרטיקעל, און אין די צייטווערטער, וואו די גרונדפאָרם איז ניט גלייך צו די הויפטווערטער, וואָס שטאַמען אָב פון זיי, ווערט אָנשטאָט דער גרונדפאָרם גענומען דאָס אָבגעשטאַמטע צייטווערטליכע הויפטוואָרט, צ.ב. שטעכען — אַ שטאָך טהאָן (אָנשטאָט אַ שטעך טהאָן), בייסען — אַ ביס טהאָן (אָנשטאָט אַ בייס טהאָן), אַ וואָרף טהאָן (אָנשטאָט אַ וואַרף טהאָן), אַ קלונג טהאָן (אָנשטאָט אַ קלינג טהאָן), אַ שפּרונג טהאָן (אָנשטאָט אַ שפּרינג טהאָן), אַ געשריי טהאָן (אָנשטאָט אַ שריי טהאָן), אַ גאַס טהאָן (אָנשטאָט אַ גיס טהאָן) א. אַז. וו. (אָבער אַ געה טהאָן, און ניט אַ גאַנג טהאָן).

ביי דער בויגונג פון די דאָזיגע צייטווערטער ווערט פערענדערט נאָר דאָס צייטוואָרט טהאָן; די פאָרם פון דעם געגעבענעם צייטוואָרט אָבער בלייבט אונפערענדערט און שטעהט אין איינפאַכע פאָרמען נאָכ'ן צייטוואָרט טהאָן, און די צוזאַמענגעזעצטע — צווישען די פאָרמען פון די הילפסצייטווערטער און פונ'ם צייטוואָרט טהאָן.

אָנשטאָט דעם צייטוואָרט טהאָן קען אויך געברויכט ווערען דאָס צייטוואָרט געבען און זעלטענער אויך דערלאַנגען, צ.ב. אַ זעץ געבען.

די ראזונע צייטווערטליכע פארמען ווערען געבילדעט פון די צייטווערטער, וואס האבען ניט קיין פארזילבען. זעלטען אבער ווערען זיי אויך געבילדעט פון צייטווערטער, וואס האבען פארזילבען; דערביי ווערען די פארזילבען אבגעטיילט פון די צייטווערטער און ווערען געשטעלט צום סוף, צ. ב. א פאל טהאן אנידער, א ריס טהאן אראב.
ביישפיעל:

די בעשטימטע פארם.

די געגענווארט.	די פערגאנגענהייט: די געוועהנליכע.	די פערגאנגענהייט: די פיעלמאליגע.	די צוקונפט.
איך טהו אווארף,	איך האב א ווארף געטהאן,	איך פלעג א ווארף טהאן,	איך וועל א ווארף טהאן
די טהוסט אווארף א. אז. וו.	דו האסט א ווארף געטהאן	דו פלעגסט א ווארף טהאן	דו וועסט א ווארף טהאן
	א. אז. וו.	א. אז. וו.	א. אז. וו.

די בעדינגונגספארם.	די בעפעהלענדע פארם.	דער אינפיניטיוו.
איך וואלט א ווארף טהאן (אדער געטהאן),	טהו א ווארף,	א ווארף טהאן.
דו וואלסט א ווארף טהאן (אדער געטהאן) א. אז. וו.	זאל ער א ווארף טהאן א. אז. וו.	

דאס געגענווארטיגע מיטעלווארט.	דאס פערגאנגענע מיטעלווארט.
א ווארף טהוענדיג.	א ווארף געטהאן.

36. די בויגונג פון די צוזאַמענגעזעצטע העברעאישע צייטווערטער.

אויסער די העברעאישע צייטווערטער, וואָס ענדיגען זיך אין אינפיניטיוו לויט דעם אַלגעמיינעם כלל נאָך אויף ן אָדער ען, זענען נאָך דאָ צייטווערטער, צוזאַמענגעזעצטע פון העברעאישע פאָרמען און פון די הילפס־צייטווערטער זיין אָדער ווערען, צ. ב. מנצח זיין, זיך מטריח זיין, נתפעל ווערען א. אַז. וו.

אין די דאָזיגע צוזאַמענגעזעצטע צייטווערטער ווערט געבויגט נאָר דאָס הילפסצייטוואָרט, די העברעאישע פאָרם אָבער בלייבט אונפערענדערט און שטעהט אין די איינפאַכע פאָרמען נאָכ'ן הילפסצייטוואָרט, אין די צוזאַמענגעזעצטע — צווישען די פאָרמען פון די הילפסצייטווערטער.

די בעשטימטע פאָרם.

די גענענוואָרט.	די פערגאַנגענהייט:		די צוקונפט.
	די געוועהנליכע.	די פיעלמאָליגע.	
איך בין מנצח,	איך האָב מנצח געווען,	איך פלעג מנצח זיין,	איך וועל מנצח זיין,
דו ביסט מנצח א. אַז. וו.	דו האָסט מנצח געווען א. אַז. וו.	דו פלעגסט מנצח זיין א. אַז. וו.	דו וועסט מנצח זיין א. אַז. וו.

די בעדינגונגספאָרם.	די בעפעהלענדע פאָרם.	דער אינפיניטיוו.
איך וואָלט מנצח זיין (אָדער געווע(זע)ן,	זיי מנצח,	מנצח זיין.
דו וואָלסט מנצח זיין (אָדער געווע(זע)ן) א. אַז. וו.	זאָל ער מנצח זיין א. אַז. וו.	

דאָס גענענווערטיגע מיטעלוואָרט,	דאָס פערגאַנגענע מיטעלוואָרט,
מנצח זייענדיג (זענענדיג),	מנצח געווען (געוועזען).

אַזוי ווערען אויך געבויגט די צוזאַמענגעזעצטע העברעאִישע צייטווערטער מיט'ן פירוואָרט זיך; דערביי ווערט דאָס דאָזיגע פירוואָרט געשטעלט *פאַר* דער העברעאִישער פאָרם, צ. ב. זיך מטריח זיין, איך בין זיך מטריח, איך האָב זיך מטריח געווען, איך פלעג זיך מטריח זיין, איך וועל זיך מטריח זיין, איך וואָלט זיך מטריח זיין (אָדער געווע(זע)ן), זיי זיך מטריח, זיך מטריח זייענדיג, זיך מטריח געווע(זע)ן.

די צוזאַמענגעזעצטע העברעאִישע צייטווערטער מיט'ן צייט־וואָרט *ווערען* ווערען געבויגט אַזוי ווי די פּאַסיווע פאָרם פון די צייטווערטער.

37. די בויגונג פון די צוזאַמענגעזעצטע צייטווערטער.

די צייטווערטער, וואָס זענען צוזאַמענגעזעצט מיט פאָרזילבען, האָבען דעם אַקצענט אָדער אויף דער פאָרזילבע אָדער אויפ'ן צייטוואָרט גופא, צ.ב. אָבשרייבען, איבערמאַכען, אויפשטעהן; בעקומען, אַנטלויפען, געדענקען א. אַז. וו.

ווען דער אַקצענט געפינט זיך אויפ'ן צייטוואָרט גופא, ווערט דאָס צייטוואָרט געבויגט פונקט ווי אַ איינפאַכעס, נאָר אין דעם פערגאַנגענעם מיטעלוואָרט נעהמט עס ניט אָן די זילבע גע, צ.ב. בעקומען — איך בעקום א. אַז. וו. בעקומענדיג, בעקומען.

אַזוינע צוזאַמענגעזעצטע צייטווערטער הייסען *עכטע צוזאַמענזעצונגען*.

ווען דער אַנקצענט געפינט זיך אָבער אויף דער פאָרזילבע, שטעלט זיך דאַן די פאָרזילבע אָב אין דער געגענוואַרט און אין דער בעפעהלענדער רעדעפאָרם און שטעלט זיך נאָכ'ן צייטוואָרט; די זילבע גע פאַר'ן מיטעלוואָרט און צו פאַר'ן אינפיניטיוו שטעלט זיך צווישען דער פאָרזילבע און דעם צייטוואָרט, צ.ב. אָבשרייבען —

איך שרייב אָב א. אַז. וו. שרייב אָב, אָבגעשריבען, אָבצושרייבען.

אַזוינע צייטווערטער הייסען **אונעכטע צוזאַמענזעצונגען**.

די עכטע צוזאַמענזעצונגען ווערען געבילדעט מיט דער הילף פון די פאָרזילבען בע, גע, ענט (אַנט), דער, ער, פער, צו, צ.ב. בעפוצען, געפינען, ענטציקען, אַנטלויפען, דערשלאָגען, ערהאַלטען, פערברענען, צושיקען א. אַז. וו.

די אונעכטע צוזאַמענזעצונגען ווערען געבילדעט מיט דער הילף פון די פאָרזילבען אויס, אַרויס, איין, אריין, אויף, אַרויף, אָב, אַראָב, אום, אַרום, צונויף, צוזאַמען, פונאַנדער, איבער, אַריבער, אַנידער, אַוועק, אונטער, דורך, אָן, פאָר, צו, ביי, נאָך, מיט, צוריק, צ.ב. אויסלערנען, אַרויסשלעפען, איינקויפען, אַריינציהען, אויפלעבען, אַרויפגעהן, אָבשיקען, אַראָבחאַפּען, אומלויפען, אַרומנעהמען, צונויפקלויבען, צוזאַמענגעהן (זיך), פונאַנדערנעהמען, איבערשטייגען, אַריבערפאָהרען, אַנידערלעגען, אַוועקשטעלען, אונטערלויפען, דורכשניידען, אָננייהען, פאָרשטעלען, צושיקען, בייקומען, נאָכשלעפען, מיטטיילען, צוריקקעהרען א. אַז. וו.

די פאָרזילבע צו ביי די עכטע צוזאַמענזעצונגען בעטייט פונאַנדער (צער), צ.ב. צושיקען=פונאַנדערשיקען. ביי די אונעכטע צוזאַמענזעצונגען בעטייט זי אַ דערנעהנטערונג, צ.ב. צוגעהן.

די פאָרזילבען **איבער** און **אונטער** געהערען אין איינִיגע געצעהלטע צייטווערטער צו די עכטע צוזאַמענזעצונגען, צ. ב. איבעראַשען — איך איבעראַש, איבעראַשט; איבערזעצען — איך איבערזעץ, איבערזעצט (אָבער אויך איבערזעצען — איך זעץ איבער, איבערגעזעצט), אונטערשיידען — איך אונטערשייד, אונטערשיידט.

אין די צוזאַמענגעזעצטע פאָרמען פון איינִיגע צייטווערטער

ווערט בּײַ דעם הילפסצייטוואָרט זײַן אָנשטאָט דעם פערגאַנגענעם מיטעלוואָרט געבּרויכט נאָר די פאָרזילבּע, צ. בּ. איך בּין אַריבּער (אָנשטאָט: אַריבּערגעגאַנגען), אַלע טהירען זענען געווען צו (אָנשטאָט: צוגעמאַכט), איך בּין געווען אויף (אָנשטאָט: אויפגעשטאַנען).

---

38. דאָס אומשטאַנדסוואָרט.

(Das Adwerb, нарѣчіе, תֹּאַר הַפֹּעַל)

אומשטאַנדסווערטער הייסען די ווערטער, וועלכּע בּעצייכענען די אומשטענדען, בּײַ וועלכּע אַ געוויסע טהעטיגקייט קומט פאָר, ד. ה. זיי בּעווייזען וואו, ווען, ווי, פאַרוואָס אַ געוויסע טהעטיגקייט קומט פאָר.

די אומשטאַנדסווערטער ווערען נאָך זייער בּעדייטונג אײַנגעטיילט אין:

אָרט־אומשטאַנדסווערטער (אויף די פראַגען וואו? וואוהין? פון וואַנען?): דאָ, דאָרט(ען), פון דאַנען, פון דאָרטען, אַהין, אַהער, אַהינצו, אַהערצו, אומעטום, ערגעץ, ערגעץ־ניט, ערגעץ־וואו, וואו עס איז, אויבּען, אונטען, אַנטקעגען, פון הינטען, פון פאָרענט, פאָראויס, פאָרווערטס, הין און צוריק, אַרום, פאַרבּיי, אינווייניג, דרויסען, ווייט, פון ווייטען, פון דערווייטענס, נאָהענט, אַהיים, אין דער־היים, אָן, אָט, רעכטס, לינקס.

צייט־אומשטאַנדסווערטער (אויף די פראַגען ווען? ווי לאַנג?): הײַנט, נעכטען, מאָרגען, איבּערנעכטען, איבּערמאָרגען, איצט(ער), אַצינד, שטענדיג, אימער, תמיד, אַלעמאָל, בּאַלד, שוין, תּכף, תּכף־ומיד, אונגעזאַמט, פריה, שפּעט, פריהער, שפּעטער, דערנאָך, נאָכדעם, נאָכהער, בּיז־אַהער, לאַנג, לענגער, אַנומעלט, קיינמאָל, אַמאָל, ווען עס איז, אָפט, אָפטמאָל, זעלטען, אַנאַנדערש מאָל, מאַנכמאָל, צייטענווייז, דעמאָלט, ראַן

נאָך , פון לאַנג=אָן , פון קינדווייז אויף , קינדווייז , יונגעלווייז , בעגינען , פאַרטאָג , פאַרנאַכט , ביטאָג , ביינאַכט , אין דער=פריה , פאַר=אַ=יאָהרען , פאַר=אַכטאָגען , פאַרצייטען , אין גיכען , יאָהרעגלאַנג , טעגליך , טאָג=טעגליך , יעהרליך , ווידער , ווייטער , צוריק , נאָכאַמאָל , איבער=אַ=נייס , פון=דאָס=ניי , אויף=דאָס=ניי , בייצייטענס , אויף אייביג , איינמאָל , בשעת=מעשה , אחר=המעשה , לעת=עתה , דערווייל.

אַרט=אומשטאַנדסווערטער (אויף די פראַגען ווי ? ווי אַזוי ? אויף וואָס פאַר אַנ'אופן ?) : אַזוי , גוט , שען , גערן , ווי עס איז , אַבי=ווי , אומזיסט , בכיון , אומישנע , ממילא , פונקט , אויסווייניג , ווילענדיג=ניט=ווילענדיג , בכלל , בפרט , אין קורצען , בקצור , הכלל , אַנדערש , אינאיינעם , צוזאַמען , אינגאַנצען , פלוצלונג , מיט אַמאָל , כסדר , נאָכאַנאַנד , קוים , שיער.

אַלם אַרט=אומשטאַנדסווערטער ווערען אויך געברויכט די אייגענשאַפטסווערטער ; דערביי האָבען זיי אויך אַלם אומשטאַנדסווערטער די פערגלייכונגסשטופען , צ. ב. שנעל — שנעלער — שנעלער פון אַלץ — אַמשנעלסטען , גוט — בעסער — בעסער פון אַלץ — אַמבעסטען א. אַז. וו.

אויסערדעם ווערען די אַרט=אומשטאַנדסווערטער אָפט געבילדעט פון די אייגנעשאַפטסווערטער און איבערהויפט פון די מיטעלווערטער דורך צוזעצען צו זיי די ענדונג ער=הייד , צ. ב. שטילערהייד , וויינענדיגערהייד , קליינערהייד , ליעגענדיגערהייד , פערשפּאַרטערהייד א. אַז. וו. און פון דער מעהרצאָהל פון די הויפּטווערטער (ווי אויך פון אַנדערע רעדעטיילען) דורך דער ענדונג ווייז , צ. ב. טייבענווייז , פאָרווייז , ביסליכווייז , איינציגווייז.

צאָהל=אומשטאַנדסווערטער : איינמאָל , צווימאָל , דריימאָל א. אַז. וו. ערשטענס , צווייטענס א. אַז. וו. ביינאַנד , זאַלבענאַנד , זאַלבעדריט , זאַלבעפינפט א. אַז. וו. פיעל , ווייניג , גענוג , גרוים (צ. ב. גרוים חשק , גרוים שרעק , גרוים פערגניגען) , צו=פיעל.

אומשטאַנדסווערטער פון בעשטימונג , פערנייגונג , צווייפעל : יאָ , ניט , ניין , ניטא , קיין , קיין שום ,

אודאי, בעשטימט, געוויס, אונבעדינגט, בלי ספק, אֶפשר פיליכט, טאָמער, מן הסתם, מסתמא, משמעות, אפנים, וואהר־שיינליך. טאַקע, אין דער־אֶמת'ן, ווירקליך, געוויהנטליך, בפירוש, קענטיג, מעגליך.

גראַד־אומשטאַנדסווערטער: זעהר, צו (צ. ב. צו פריה, צו גיך א. אַז. וו.), העכסט, גאַנץ, אינגאַנצען, פּאָלקאָם, לחלוטין (אַבסאָלוט), ממש, ניט אין אַנ'ערך, סאַמע (צ. ב. דער סאַמע בעסטער א. אַז. וו.), פיעל, אַ סך (צ. ב. פיעל קליגער, אַ סך רייכער א. אַז. וו.), גאָר, קוים, שיער, כמעט.

פראַגענדע אומשטאַנדסווערטער: וואו? וואוהין? פון וואַנען? ביז וואַנען? ווען? פאַרוואָס? צוליעב וואָס? למאי? נאַכשאָל? טאַקע?

39. דאָס פאָרוואָרט.

(Die Präposition, предлогъ, מִלַּת הַיַּחַס)

פאָרווערטער הייסען די ווערטער, וועלכע בעצייכענען פערשידענע פערהעלטנישען צווישען געגענשטאַנדען אָדער צווישען געגענשטאַנדען און טהעטיגקייטען, צ. ב. דאָס בוך ליעגט אויפ'ן טיש, דאָס בוך ליעגט אונטער'ן טיש. איך געה אין גאַס; איך געה פון גאַס.

אין זאַץ קענען די פאָרווערטער זעלבסטשטענדיג, אָהן אַנדערע רעדעטיילען, ניט געברויכט ווערען. זיי שטעהען פאַר די ווערטער, אויף וועלכע זיי בעציהען זיך, צ. ב. אַרום שטוב, נעבען טהיר, איבער'ן וואַגד.

אָנמערקונג 1: די פאָרווערטער צו און נאָך, ווען זיי ווערען איבערגע'חזר'ט, שטעלען זיי זיך נאָך די ווערטער, אויף וועלכע זיי בעציהען זיך, צ. ב. צום פענסטער צו, נאָך מיין מיינונג נאָך.

אָנמערקונג 2: ביים פאָרוואָרט פון—וועגען, צוליעב—

וועגען שטעלט זיך דאָס אָבהענגיגע וואָרט צווישען פון אָדער צוליעב און וועגען, צ. ב. פון דעם טאַטענס וועגען, צוליעב דעם טאַטענס וועגען.

די ווערטער, וועלכע הענגען אָב פון די פּראָווערטער שטעהען געוועהנליך אין דאַטיוו, צ. ב. אַנשטאָט דעם לעהרער, ביי דער שוועסטער (ניט ביי די שוועסטער), פון דעם קינד (ניט פון דאָס קינד) א. אַז. וו.

נאָר נאָך דעם פּאָרוואָרט פון—וועגען, צוליעב—וועגען שטעהט דאָס אָבהענגיגע וואָרט אין געניטיוו, צ. ב. פון דעם לעהרערס וועגען, אָדער צוליעב דעם לעהרערס וועגען, פון דער שוועסטערס וועגען, פון דעם קינדס וועגען, פון די יודענס וועגען, פון די קינדערס וועגען, פון דעם אַלטענס וועגען, פון יעדערנס וועגען א. אַז. וו.

די בעגריפסנעמען נעהמען ניט אָן ביים פּאָרוואָרט פון—וועגען די ענדונג ס, צ. ב. פון כבוד וועגען, פון גרויסקייט וועגען.

אָנמערקונג: דער געניטיוו פון די פּערזענליכע פּירווערטער גיסט זיך צונויף מיט'ן פּאָרוואָרט וועגען, אָננעהמענדיג דערביי א ט: פון מיינטוועגען (צוליעב מיינטוועגען), פון דיינטוועגען, פון זיינטוועגען, פון איהרטוועגען, פון אונזערטוועגען, פון אייערטוועגען, פון זייערטוועגען.

די פּאָרווערטער אין, אויף, פאַר, דורך, וועגען, געגען, קענען אָפטמאָל אויך שטעהן מיט'ן אַקוזאַטיוו, איבערהויפּט ווען דאָס אָבהענגיגע וואָרט איז פון זעכליכען געשלעכט, אָדער עס שטעהט מיט'ן אונבעשטימטען אַרטיקעל, צ. ב. אַריינגעהן אין דאָס קאַלטע שטיבעלע, ענטפערן אויף די פערגעבענע פראַגע, זיך אָננעהמען פאַר דאָס אָרימע קינד, קוקען דורך דאָס קליינע פענסטער, ריידען וועגען אַ נויטיגע זאַך, געהן געגען אַ גרויסע מערהייט.

נאָך די פּאָרווערטער אויף, איבער, אונטער, אויסער, מיט, נאָך, ביז, פאַר, דורך, לויט, בעת

בשעת געהט דער בעשטימטער אַרטיקעל פון מענליכען און זעכ־ליכען געשלעכט זעהר אָפּט איבער אין ן און טיילט זיך אָב פון זיי מיט אַנ'אַפּאָסטראָף, צ. ב. אויף דעם־אויפ'ן, איבער דעם־איבער'ן, מיט דעם־מיט'ן, פאַר דעם־פאַר'ן, בעת דעם־בעת'ן א. אַז. וו.

נאָך די פּאָרוועָרטער צו, ביי, אין און פון געהט ער איבער אין ם און פון די ערשטע צוויי טיילט ער זיך ניט אָב מיט אַנ'אַפּאָסטראָף: צו דעם־צום, ביי דעם־ביים (ניט ביי'ן), אין דעם־אינ'ם, פון דעם־פונ'ם.

די פּאָרוועָרטער אויף, מיט, צו, פאַר, פון, ביי, אין, נאָך גיסען זיך צונויף מיט'ן אָנווייזענדען פירוואָרט דעם אין איין וואָרט: אויף דעם־דערויף, מיט דעם־דערמיט, צו דעם־דער־צו, פון דעם־דערפון, ביי דעם־דערביי, אין דעם־דערין (דעריין אָדער דערינען), נאָך דעם־דערנאָך.

די פּאָרוועָרטער ווערען פאַר די דאָזיגע פאָרמען געוועהנליך אַרויסגעלאָזען, צ. ב. דערפון — אָנשטאָט פון דערפון, דערויף — אָנשטאָט אויף דערויף, דערמיט — אָנשטאָט מיט דערמיט, דערצו — אָנשטאָט צו דערצו, דערביי — אָנשטאָט ביי דערביי.

דאָס פּאָרוואָרט נעבען שרייבט זיך דורך אַ ן, און ניט דורך אַ ל (ניט לעבען).

40. דאָס בינדוואָרט.

(Die Konjunktion, союзъ, מִלַּת הַחִבּוּר)

די בינדווערטער דיענען אויף צו פערבינדען צווישען זיך אָדער גאַנצע זאַצען אָדער גלייכאַרטיגע זאַצגליעדער. זיי ווערען איינגעטיילט אין

פערבינדענדע: און, אויך, איבערדעם, דערצו ניך

אַזוי ווי — אַזוי אויך, סיי — סיי, הן — הן, אי — אי, ניט — ניט, דאָ — דאָ, ניט נאָר — נאָר אויך.

אנטקעגנשטעלענדע: אָבער, נאָר, דאָך, פונדעסטוועגן, אָדער, צי, חאָטש הגם, אפילו.

בעגרינדענדע: ווייל(ע), דען, וואָרום דערום, דעריבער, דערפאַר, מחמת.

בינדווערטער פון צייט: ווען, ווי, איידער, ביז, ביז וואַנען, ווי לאַנג, כל־זמן, קוים, נאָכדעם אַז, זינט, זייט, בעת, בשעת.

בינדווערטער פון צוועק: כדי צו, בכדי צו, אום צו, אַז, אַבי.

בינדווערטער פון בעדינגונג: ווען, אַז, אויב, באם.

41. דאָס אויסרופונגסוואָרט.

(Die Interjektion, междометие, מִלַּת הַקְּרִיאָה)

די אויסרופונגסווערטער דריקען אוים פערשידענע געפיהלען, ווי צ. ב., פרייד: גוט! הורראַ! שמערץ: אַך, אָך, וועה געשריען! פעראַכטונג: טפוי! פע! מאוס!

אויסערדעם געהערען צו די אויסרופונגסווערטער **נאָכאַהמונגען** פון פערשידענע קלאַנגען, צ. ב. מע! באַץ! קאַפּ — קאַפּ!

אין פֿערלאַג „פּראָגרעס“ איז ערשיענען פֿאָלגענדע
יודישע לעהר ביכער:

די מוטער שפּראַך

אַ מעטאָדע צו לערנען לעזען און שרייבען יודיש.

מיט גראַממאַטיקאַלישע כּללים און איללוסטראַציעס אין טעקסט.

ביינעלעגט אַלע העברעאישע ווערטער, וואָס געהען אַריין אין דער יודישער שפּראַך.

צוזאַמענגעשטעלט פֿון ז. און א. רייזען.

פּרייז 35 קאָפּ'.

יודישע חרעסטאָמאַטיע

אַ לעזע-בוך פֿאַר שוהל און הויז.

געזאַמעלט פֿון די בעסטע ליטעראַרישע און וויסענשאַפֿטליכע קוועלען נאָך די נייעסטע מעטאָדעס מיט צייכנונגען און איללוס-טראַציעס.

דורך אברהם רייזען.

פּרייז 45 קאָפּ'.

אַ פֿאָלשטענדיגע יודישע גראַמאַטיק

(עטימאָלאָגיע און סינטאַקסיס).

פֿערפֿאַסט פֿון זלמן רייזען.

פּרייז 50 קאָפּ'.

מיט בעשטעלונגען לויט אַדרעסע:

Книгоиздательство „ПРОГРЕССЪ“
Я. ЛИДСКIЙ, Варшава, Налевки 36. (Телефонъ 61-63.)